ספר

# יַכִּיר אִ״ש

עַל אַגָּדוֹת הַשַּׁ״ס

מַסֶּכֶת תַּעֲנִית

מהדורת פרעווי״א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
רחוב רבי נחמן מברסלב 15
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
רחוב הבעל שם טוב 7
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# יַכִּיר אִישׁ

## עַל אַגָּדוֹת הַשַּׁ"ס

## מַסֶּכֶת תַּעֲנִית

הִתְחַזְּקוּת, עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אַגָּדַת הַשַּׁ"ס, בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, וְוִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֵיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג.

גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן **מוֹהֲרָא"שׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

עִיר הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תּוֹבִב"א

# מהדורת פרערויא

הוקדש לזכות

# יוסף בנימין פרערויא

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא.

אמן כן יהי רצון

# הַקְדָּמַת הָעוֹרֵךְ

בְּרֹב שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער זֶענֶען מִיר זוֹכֶה צוּ אַן עֶרְשְׁטְמָאלִיגֶער חִבּוּר אִין אִידִישׁ אוֹיף אַגָּדַת הַשַּׁ״ס, אַ חִבּוּר וָואס בַּאלַייכְט דִי אוֹיגְן מִיט דִי הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א נֶעמְט אַרוֹיס פוּן דִי הֵילִיגֶע וֶוערְטֶער אוּן פִירוּנְגֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים וַאֲמוֹרָאִים אֲשֶׁר מִפִּיהֶם וּבִזְכוּתָם אָנוּ חַיִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן - זָאגְט גָאט אַזוֹי״; דָאס קֶען מֶען שְׁפִּירְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ בַּיים אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם דָאזִיגְן חִבּוּר, וִוי יֶעדֶעס וָוארְט קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעבְּט אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֵיין אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי עֵקֶב ו, ו): ״רְצוֹנְךָ שֶׁתַּכִּיר אֶת מִי שֶׁאָמַר וְהָיָ׳ הָעוֹלָם לְמוֹד אַגָּדָה״.

מִיר הוֹיבְּן בעז״ה אָן מִיט מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אוֹיסְגֶעדְרוּקְט זַיין בַּאגֶער אַרוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט דִי חִידוּשִׁים אוֹיף דִי מַסֶּכְתָּא. אַזוֹי אוֹיךְ אַז דִי מַסֶּכְתָּא הָאבְּן פִילֶע בָּחוּרִים שֶׁיִּחְיוּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁלִיסְנְדִיג אַ תְּקוּפָה פוּן פֶערְצִיג טֶעג, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דֶעם מַסֶּכְתָּא יֶעדְן טָאג מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן גְרוֹיס יְגִיעָה, זוֹכֶה זַיין צוּ דִי סְגוּלָה פוּן אָבִינוּ רוֹעֵנוּ מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם גְרוֹיסְן סְגוּלָה, זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיווּג הָגוּן (זֶע אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם סֵפֶר דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַדְּבָרִים פוּן דֶעם סְגוּלָה).

דִי חִידוּשִׁים זֶענֶען לוֹיטְן סֵדֶר הַדַּפִּים, אוּן אִיז צַאמְגֶענוּמֶען פוּן דִי בְּרִיוְון אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, אוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

כָאטְשִׁיג דֶער סֵפֶר אִיז מָלֵא וְגָדוּשׁ מִיט הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, חִזּוּק אוּן הַדְרָכָה, פָּארְט אָבֶּער אִיז דָאס כְּטִפָּה מִן הַיָּם פוּן וָואס אִיז פַארְהַאן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיף דִי מַסֶּכְתָּא, אוּן מִיר הָאפְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף דָאס צוּ אִיבֶּערְדְרוּקְן בַּיי דִי פַּאסִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט מִיט פִילֶע הוֹסָפוֹת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט ווִילְן מִיר בֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ, אוֹיבּ הָאט אִיר אַ גְמָרָא מַסֶּכֶת תַּעֲנִית וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אָדֶער אֲפִילוּ אַפָּאר וֶוערְטֶער, ווִי אוֹיךְ אוֹיבּ הָאט אִיר מִיטְצוּטֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען אִין דִי צַייט פוּן עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג מָאל וְכַדּוֹמֶה, בִּיטֶע דָאס אַרַיינְשִׁיקְן צוּ maebreslev@gmail.com אוּן מִיר וֶועלְן דָאס דְרוּקְן אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן מַהֲדוּרָה בעז״ה; אִיר קֶענְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וָואס וָואס אַייעֶר בְּרִיוו אָדֶער מַעֲשֶׂה וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אוּנְזֶערֶע הֶענְט זֶענֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַרְבָּצַת הַתּוֹרָה וֶאֱמוּנָה, גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי פִילֶע בְּרִיוְון, חִבּוּרִים אוּן דְּרָשׁוֹת אַרַיינְצוּבְרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט.

בִּבְרָכָה

**מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**

## דִּי סֵדֶר הַהִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה

### אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וְוִי לַאנְג דַארְף אִיךְ יֶעצְט וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי חַבְרַיָּא קַדִּישָׁא; דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען פֶערְצִיג טֶעג מַסֶכֶת תַּעֲנִית. בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי קוּמֶענְדִיגֶע עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דִי פֶערְצִיגְסְטֶע טָאג.

וְוִיל אִיךְ בֶּעטְן, אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ דִי סֵדֶר הַדְּבָרִים וְוִי אַזוֹי אוּן וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּגֶעזָאגְט, כְּדֵי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד אוֹיף מַיין יְשׁוּעָה.

אִילוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וְכוּ' קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר'ן אַריינְלֵייגְן אִין מִיר דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית, פֶערְצִיג טֶעג בִּרְצִיפוּת - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ הָאסְט גֶעטוּן דִי סְגוּלָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג טֶעג בִּרְצִיפוּת פוּן ט"ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַ שִׁידוּךְ.

גֶעוֶוען אִיז דָאס זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב" - עֶלֶענְוִויל נְיוּ יָארְק, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ

גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה. דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין חָתָן אִין יְשִׁיבָה, וַוייל מֶען הָאט זֵייעֶר מְבַזֶה גֶעוֶוען דִי יְשִׁיבָה, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳, וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ פְלֶעג כְּסֵדֶר פְרֶעגְן מוֹהֲרָא״שׁ: ״וָואס וֶועט דָא זַיין, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה?!״ אוּן מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מִיר עֶנְטְפֶערְן: ״וֶועסְט נָאךְ זֶען, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן נָאר וֶועלְן בָּחוּרִים פוּן דַיין יְשִׁיבָה״, דֶעמָאלְט הָאט דָאס אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי מוֹהֲרָא״שׁ ווִיל מִיךְ סַךְ הַכֹּל מְחַזֵק זַיין וְכוּ׳, וַוייל בִּמְצִיאוּת, אַז עֶס זָאל טַאקֶע אַזוֹי זַיין הָאט מֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אָבֶּער הַיינְט צוּ טָאגְס זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִיק; צֶענְדְלִיגֶער שִׁידוּכִים זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאר וַוייל דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶ׳עַקְשְׁנְ׳ט אַז זֵיי ווִילְן נָאר אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, וַוייל זֵיי הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה, אוּן זֵיי הֶערְן ווִי אַזוֹי דִי בָּחוּרִים וַואקְסְן אוֹיף מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת, מִיט שֵׂכֶל, וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ׳.

אִיךְ הָאב דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון פַאר מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דִי בָּחוּרִים וֵויינֶען צוּ מִיר, זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ׳, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפּ מַאכְן אַ סְעוּדָה, אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט אַזוֹי: ״אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פוּן ט״ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה״; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן, אוּן אַלֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַפָּאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ גְלַייךְ דֶעמָאלְט, אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט קֻשְׁיוֹת - וָואס הֵייסְט? וואוּ אִיז מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזָאגְט מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג מָאל? לְמַעֲשֶׂה, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז זֵייעֶר כַּלָּה אִיז נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג וְכוּ'.

דֶערְפַאר אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז): "דַע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוֹיבּ אִיז עֶר פּוֹגֵם בִּבְרִית וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ'. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ, וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל גֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א "תֹאבֶה הָאִשָּׁה" לָ'לֶכֶת אַ'חֲרֶיךָ", דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק אִיז אֱלוּל, אוּן אִינְמִיטְן שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער "תֹאבֶה הָאִשָּׁה", דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, וַוייל אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פון ט״ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

אִיךְ וֵויְיס נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא״שׁ אִין קֶעמְפּ זוּמֶער שְׁנַת תשע״א, דִי דְרִיטֶע יָאר פון וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה.

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ ״מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב״ - עֶלֶעןְוִויל נִיוּ יָארְק. און עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֲתַנִים אִין יְשִׁיבָה; מֶען הָאט אוּנְז מְבַזֶה גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁרֶעקְלִיכְן אוֹפָן, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר און אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳ וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פון יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אֵיינֶעם און יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאב דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל גֶעבְּן בְּרָכוֹת פַאר דִי בָּחוּרִים אַז עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים, וַוייל דִי בָּחוּרִים וֶוייְנֶען צוּ מִיר אַז זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ׳. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפּ מַאכְן אַ סְעוּדָה און עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ און מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לִכְבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט אַזוֹי: ״אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר און הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פון ט״ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה״; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען

שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכְ'ן צְוֵוייטְן; אַלֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

בֶּעט אִיךְ דִּיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! יֶעצְט גֵייט אוֹיךְ אָן דִּי בְּרָכָה פוּן מוֹהֲרַ"שׁ, אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית פוּן דֶעם פְרַייטָאג ט"ו בְּאָב אוּן לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא יֶעדְן טָאג פַאר פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

...

**וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן אַנְשְׁטָאט דִי סְגוּלָה פוּן מַסֶכֶת תַּעֲנִית?**

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרַ"שׁ פַאר דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג אִין דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען טוּן צוּ הָאבְּן דִי סְגוּלָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סְגוּלָה פַאר דִי בָּחוּרִים זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית – פוּן

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה״; אִיר פְּרֶעגְט וָואס זָאלְן מֵיידְלֶעךְ טוּן פוּן ט״ו בְּאָב פַאר אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים; אַז אִיר קֶענְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, אָבֶער אַז אִיר קֶענְט נָאר זָאגְן אַבִּיסְל – זָאגְט וִויפִיל אִיר קֶענְט.

אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְן אִין תְּהִלִּים; אֵייעֶר שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים וֶוערְט זַיין אֱמוּנָה גֶעשְׁטַארְקְט. עֶס לִיגְט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָּׁה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים אוּן וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְס הָאט דָאס גֶעזָאגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִינְהַאלְט

די סֵדֶר הַהִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּן די וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלָה ............................................ ו

דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער ............................... טו

גְלֵייבְּן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען ............................... טו

פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................................ טז

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ בַּאצָאלְן די חוֹבוֹת ............................................ יח

מֶען קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן די פַּרְנָסָה ............................................ יט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זַיינֶע וֶועגְן ווי אַזוֹי עֶר שְׁפַּייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ ................ כ

זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן וֶוען די פַּרְנָסָה טוֹיגְט נִישְׁט ............................................ כא

נִישְׁט זוּכְן פַּרְנָסָה אוֹיף נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע וֶועגְן ............................... כג

זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן די לַאטֶערִי שְׁפִּיל ............................................ כד

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן פַּרְנָסָה ............................................ כה

גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................................ כה

וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................ כה

טוּן אוּנְזֶער שְׁלִיחוּת וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן אָן בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט יֶעדְן טָאג......... נ

גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אַ שְׁמֵייכְל ........................................נג

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן........................................נג

אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן ........................נד

מִיר דַארְפְן טוּן דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר אוּנְז........................................נה

אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר וָואס אִיז אִים מְחַזֵק אוּן הֶעלְפְט אִים ..........נו

אַ חַבֵר אִיז אֵיינֶער וָואס וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ צָרָה אִיז עֶר מִיך מְחַזֵק..............נז

דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת אִין צְדָקָה........................................נט

אַ מְלַמֵד, אַ טִיטְשֶׁער, וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, הָאבְּן אַ כֹּחַ, מֶען נֶעמְט אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת........................................ס

טְרָאגְן קִינְדֶער זֶען בַּעֲלֵי חַיִים ........................................סא

וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, קֶען מֶען פוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן........................................סב

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָה ........................סד

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֶעבְּן, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט........................ סה

מֶען פַארְמֶערְט דִי קְדוּשָׁה דוּרְךְ שִׂמְחָה........................................סו

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?........................................סז

אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דִי שְׁבָטִים........................................ סח

יוצא לאור על ידי

# מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

טעל':

*845-418-3026*

אימעיל:

*maebreslev@gmail.com*

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# דף ב

**אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא נִמְסְרוּ בְּיַד שָׁלִיחַ, וְאֵלּוּ הֵן, מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים וּמַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים ... בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה.**

זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא

## דורךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער

**אַז** אַ פְרוֹי וַוארְט צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, דַארְף זִי גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) דֶער שְׁלִיסְל צוּ הָאבְּן קִינְדֶער לִיגְט נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער אַ מַאן אוּן וַוייבּ וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

~~~

## גְלֵייבְּן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַלֶעם בַּאקוּמֶען

**אִיר** שְׁרַייבְּט מִיר אַז וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט אַייעֶר מַאן דֶערְצֵיילְן אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה וֶועט אִיר הָאבְּן נַאטוּרְלִיךְ נָאךְ קִינְדֶער" - הָאט אִיר גֶעלַאכְט פוּן דֶעם, אוּן יֶעצְט זֶעט אִיר מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ב.): "שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי שְׁלִיסְלֶעךְ אִיז "מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", דָאס הֵייסְט קִינְדֶער; וִויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ אַז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער. נִישְׁט דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט קִינְדֶער אוּן נִישְׁט דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף אִין דֶעם גְלֵייבְּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָאס מִיט
~~~

דִי אוֹיגְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

~~~

פַּרְנָסָה

## פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**וויסְן** זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.), דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ זַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, וָואס עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל.

**אַז** דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאווּסְטֶער מַגִּיד רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין שׁוּלְ'ן הַאלְטְן דְרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר", דֶער אִיד קוּקְט אָן דֶעם רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוֹים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?" אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען: "פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן: אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר"; פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטְן קָאפּ; פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען
~~~

צְוֵויי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁכֵנִים הוֹיז צוּ הוֹיז, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן - אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה; אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרֶעמַאן אוּן גֶעבֶּעטְן צְדָקָה פוּן דֶעם קַמְצָן, הָאט דֶער קַמְצָן אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ דָא בַּיי מִיר אִין גָארְטְן אַסַאךְ בֵּיימֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי צֶעשְׁנֵיידְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר צֶעשְׁנֵיידְן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶסְן", אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, עֶר הָאט צֶעהַאקְט אַלֶע בֵּיימֶער אוּן זֵיי פַארְוַואנְדְלְט אִין שְׁפֶּענְדְלֶעךְ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל הַבַּיִת בֶּעטְן עֶסְן, זָאגְט אִים דֶער קַמְצָן: "קוּם מִיט מִיר", אוּן עֶר פִירְט אִים צוּם שָׁכֵן'ס הוֹיז - דִי הוֹיז פוּנֶעם צְוֵוייטְן עוֹשֶׁר - אוּן זָאגְט אִים: "קְלַאפּ אַרַיין בַּיי דֶעם טִיר, דָא וֶועסְטוּ אַלֶעס בַּאקוּמֶען; עֶסְן, גֶעלְט וְכוּ'", דֶער אָרֶעמַאן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אֵיין בַּעַל הַבַּיִת; עֶר קְלַאפְּט אַרַיין אוּן תֵּיכֶּף וּמִיַּד הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן מִכָּל טוּב וָטוּב, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ דֶער אָרֶעמַאן אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעהָארֶעוֶועט פַאר דִי עֶסְן", פְרֶעגְט מֶען אִים: "וָואס הֵייסְט?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דָאס עֶסְן, דָאס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג", הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", מֶען הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט וָואס דָא אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיבּ וָואלְט עֶר קוֹדֶם אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶסְן בְּחִנָּם.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט, וָואס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט לֶערְנֶען מִיטְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה? אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּמְזִיסְט", דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט פַאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער

פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בְּחִנָּם.

**דִי** מַעֲשֶׂה דַארְף אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע צֵייטְן מִיט דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר רֶעדְן אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**אַז** דוּ ווִילְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג - גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן כט) אַז זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה; נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן זָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת אוּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

~~~

## עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת

**פַּרְנָסָה** קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, גִיבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: גֵיי נָאךְ גֶעלְט יֶעדְן טָאג, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת; אֵיי וֶועסְטוּ זָאגְן, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ זַיין אַ גַנָב, אַ בּוּשָׁה אִיז וֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, וָואס אִין אַזַא פַּאל וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

**עַל** פִּי הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנ), אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, קֶען מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ אַלֵיין, מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר מִיר", נָאר מֶען זָאגְט: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה"; מִמָּה נַפְשָׁךְ, וֶועט יֶענֶער אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט פַאר דִיר - וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע נְתִינָה, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט. (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, מֶען זָאגְט ׳אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב׳ וד"ל).

**עֶס** אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ בָּארְגְן גֶעלְט ווִי אֵיידֶער גֵיין נָאךְ גֶעלְט, וַוייל זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ
~~~

פוּן מֶענְטְשְׁן; קוֹדֶם דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז וֶוען דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט וֵוייסְט נִישְׁט יֶענֶער אַז דוּ גֵייסְט פַאר דִיר, עֶר טְרַאכְט אַז דוּ נֶעמְסְט צוּזַאם פַאר אַ אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן צְוֵוייטְנְס, שֶׁעמֶען דַארְף מֶען זִיךְ צוּ זַיין אַ גַנָב. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס בָּארְגְן גֶעלְט אוּן זֵיי צָאלְן נִישְׁט צוּרִיק – דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם" אַ רָשָׁע בָּארְגְט אוּן בַּאצָאלְט נִישְׁט, דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ בִּזָיוֹן, אַז אִינְגֶעלַייט זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן גֶעלְט, אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וויסְנְדִיג.

**דָאס** הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְס גֶעלְט, אוּן מֶען דַארְף גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בָּארְג נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר מִיר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כב): "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זַיין שׁוּלְדִיג פַאר זִיךְ, וִוי צוּ זַיין שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן"; אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַ יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל סְקוּל וְכוּ', וָואס דָאס הָאט מִיר אָפְּגֶעקָאסְט אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאצָאלְט אָן קַיין עֲשִׁירִים אוּן אָן קַיין נְגִידִים, נָאר פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן מִיט דִי הִילְף פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס הֶעלְפְן מִיר.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט עֵצוֹת אִין לֶעבְּן וָואס אָן דֶעם קֶען מֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְן אַ גַנָב, אַ רָשָׁע אוּן וָואס נִישְׁט; מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וויסְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט שֵׂכֶל. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אֵיינֶער זָאל עֶפֶענֶען אַ פַאבְּרִיק ווָאוּ מֶען פַארְקוֹיפְט שֵׂכֶל, וָואלְט יֶענֶער גֶעמַאכְט יֶעדֶע מִינוּט מִילְיָאנֶען דָאלֶער, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פַאבְּרִיק פוּן שֵׂכֶל"; אִיךְ זָאג דִיר אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ פַאבְּרִיק ווָאוּ מֶען טֵיילְט שֵׂכֶל, נֶעם דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן לֶערְן זֵיי, וֶועסְטוּ וויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן אוּן נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן.

~~~

### מֶען קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן דִי פַּרְנָסָה

**אִיךְ** וויל דִיר אַבִּיסְל מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. וויסְן זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען וָואס
~~~

עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵייטְן אֲפִילוּ אַ פְּרוּטָה, יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט פַּרְנָסָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: ג' מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", רֶבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, קִינְדֶער אוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרְבָא אָמְרֵי, אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען: אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה. זֶעט מֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח): "מִי שֶׁבָּרָא יוֹם. בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם טָאג, הָאט אָנְגֶעגְרֵייט פַּרְנָסָה פַאר דֶעם טָאג.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן יֶעצְט בְּעַצְבוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן פט): "הָעַצְבוּת מַפְסִיד הַפַּרְנָסָה", עַצְבוּת נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה; לֵייג דִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן זִינְג דִיר אַ גַאנְצְן טָאג: "קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן פג): "אֱמוּנָה הוּא טוֹב לְפַרְנָסָה", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה.

~~~

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפַּייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן"; דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט אַ קוּ, אוּן עֶר פְלֶעגְט מֶעלְקְן מִילְךְ פוּנֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה, צוּפְּרִי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין קוּ טוֹיט, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם חָפֵץ חַיִּים דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיין צָרָה, דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן,
~~~

אָבֶער דֶער אִיד וֵוייסְט אוּן שְׁרַייט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים: "דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה; חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ, אוּן יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג".

**דִי** מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר אֵיין מִינוּט אַז דִי פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיב מֶען וֶועט פַארְלִירְן דִי אַרְבֶּעט וֶועט מֶען אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט?' נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא".

~~~

## זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן וֶוען דִי פַּרְנָסָה טוֹיגְט נִישְׁט

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן טְרַאכְטְנְדִיג: 'אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל', 'אִיךְ טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט', וַוייל פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה, נָאר יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דִי** אַלֶע וָואס לֶעבְּן מִיט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אַרָאפְּקוּקְן, זֶענֶען בֶּאֱמֶת אַרָאפְּגֶעקוּקְט בַּיי זִיךְ אַלֵיין; אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר טוּט גוּט. עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אַזַא מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים.
~~~

**דַיין** פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין, דֶערְפַאר טְרַאכְסְטוּ 'אֶפְשָׁר וֶועט מַיין וַוייבּ מִיךְ אַרָאפְּקוּקְן', 'אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ מַיין מִשְׁפָּחָה אַרָאפְּקוּקְן', 'וָואס וֶועט דֶער זָאגְן אוֹיף מִיר?' 'וָואס וֶועט יֶענֶער טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?' וְכַדוֹמֶה; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אוֹיף אִים אוּן טְרַאכְט אוֹיף אִים.

**וֶוען** אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעוֶוען מִיט מַיין טַאטֶע אִין אַ פַארְם, גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי קוּעֶן אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן שְׁטְרוֹי, אַזוֹי שְׁטֵייעֶנְדִיג דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מַיין טַאטֶע: "וָואס טְרַאכְט דֶער קוּ וֶוען עֶר קוּקְט מִיט זַיינֶע קֶעלְבֶּערְנֶע אוֹיגְן?" הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "טְרַאכְט נִישְׁט וָואס אַ קוּה טְרַאכְט, וַוייל עֶר טְרַאכְט נִישְׁט"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן טְרַאכְטְן 'וָואס וֶועט מַיין מִשְׁפָּחָה טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?' קוֹדֶם כָּל, וֶוער הָאט צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיין אֵייגֶענֶע חַיִים טוֹבִים, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל יָא טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט אַ בַּטְלָן, וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם?

**בִּנוֹגֵעַ** דַיין וַוייבּ; זִי וֶועט דִיר אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן, בִּיסְטוּ אַ בַּטְלָן - וֶועט זִי דִיר אָנְקוּקְן וִוי אַ בַּטְלָן, בִּיסְטוּ נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נָאר דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה וַוייל דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִי אַרְבֶּעטֶער - וואוּ קוּמְט אַרַיין דָא בַּטְלָן? זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אַ פַּרְנָסָה וואוּ מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף דִיר, זִי וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן הָאט אַ פַּרְנָסָה וואוּ מֶען אִיז אִים מַחְשִׁיב.

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת וֶוען אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פֶערְזֶענְלִיךְ וְכוּ', אָבֶער מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן - אֲפִילוּ מֶען קֶען אִים נִישְׁט - דָאס קֶען מֶען יָא; דֶערְפַאר וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין. אָחִי הַיָּקָר, שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אַרַיין אִין אֱמוּנָה, חַזֶר דִיר דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז אַלֶעס, אוּן אַלֶעס אִיז עֶר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלוֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. וִוי

מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט אֱמוּנָה, וֶוערְט עֶר מֶער און מֶער אוֹיפְגֶעבּוֹיט, מֶען וֶוערְט זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג און מֶען בַּאקוּמְט אַ זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צִי דוּ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה אָדֶער דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן בַּיי דַיין אַלְטֶע פְּלַאץ, שְׁמוּעֶס דִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם וִויסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן. מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וִוי אַזוֹי מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק תְּשׁוּבוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אִים, וִוי אַלֶעס אִיז אַזוֹי קְלָאר, מֶען וֵוייסְט אַז וָואס מֶען טוּט אִיז גוּט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט צוּרִיק, מֶען עֶסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דָאס הַארְץ מִיט טְרַאכְטְן 'אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן', 'אִיךְ הָאבּ אַהֶער גֶעדַארְפְט טוּן', נָאר מֶען אִיז זִיכֶער מִיט זִיךְ וַוייל מֶען הָאט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְדֶעם.

~~~

### נִישְׁט זוּכְן פַּרְנָסָה אוֹיף נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע וֶועגְן

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען וָואס דַארְף קוּמֶען צוּ דִיר.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט, אַז דִי קָאנְטְרַאקְטֶערְס זָאגְן דִיר אַז נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין; אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט זִיךְ טְרֶעפְן בֶּעסֶערֶע יוֹעֲצִים, בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים, זוּךְ דִיר חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר זָאגְן אַז נָאר אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. אִיךְ וֵוייס פוּן קָאנְטְרַאקְטֶערְס וָואס זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, זֵיי וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן וואו צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה, זֵיי גֵייעֶן דַאוֶונֶען און גִיסְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, זֵיי בֶּעטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין ווייבּ און קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה", און עֶס צוּקְלִינְגְט זִיךְ זֵייעֶר טֶעלֶעפָאן, זֵיי בַּאקוּמֶען גְרוֹיסֶע דְזְשַׁאבְּס וְכוּ'.

~~~

### זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי לַאטֶערִי שְׁפִּיל

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ קוֹיפְסְט נִישְׁט דִי לַאטֶערִי; גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דֶעם שְׁפִּיל, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאל נִישְׁט שְׁפִּילְן דִי לַאטֶערִי.

**רֶבִּי** נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפד): דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַמָאל אֵיינֶעם רַייךְ דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ וֶועג וְכוּ' אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, יֶעדֶער רֶעדְט פוּן דֶעם אוּן מֶען אִיז אִים מְקַנֵא, אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְדְרֵייט וֶוערְן פוּן דֶעם".

**מֶען** קֶען כִּמְעַט נִישְׁט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן בַּאשְׁטֵייעֶן פוּן אֵיין זַאךְ - גֶעלְט, גֶעלְט אוּן נָאכאַמָאל גֶעלְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג): "רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה - הַיְנוּ בְּתַאֲוַת מָמוֹן", רוֹב וֶועלְט אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם", מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גֶעלְט הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס אִיז דִי עֵצָה? דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי תַּאֲוָה, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", נָאר דוּרְךְ דֶער צַדִּיק; אַז מֶען אִיז אַבִּיסְל טוֹעֵם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן טְרַאכְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ פוּן גֶעלְט.

**דָאס** אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר וַוייל דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס יֶעצְט דְרֵייעְט זִיךְ אַרוּם דֶעם לַאטֶערִי, וִוי גְרוֹיס אוּן הִיסְטָארִישׁ דֶער לַאטֶערִי אִיז, אוּן מֶען טְרַאכְט אוֹיךְ אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען גֶעווּאוּנֶען דֶעם לַאטֶערִי, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל אוּן פַּרְנָסָה הָאט מֶען נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

~~~
~~~

דֶער מִנְהָג פוּן שְׁלִיסְל חַלָּה

## נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן פַּרְנָסָה

**עֶס** אִיז דָא אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח מַאכְט מֶען אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלָּה, דֶער טַעַם פוּן דֶעם אִיז וַוייל פֶּסַח הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטָארְט עֶסְן קַיין חָמֵץ און יֶעצְט שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח אִיז דֶער צַייט וָואס מֶען הֵייבְט אָן עֶסְן חָמֵץ, וֶועגְן דֶעם מַאכְט מֶען אַ שְׁלִיסְל; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס טוּט מֶען וַוייל מֶען ווִיל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר מַאכְט מֶען אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלָּה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן און גֶעבְן פַּרְנָסָה נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

~~~

## גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דִי** וָואךְ שַׁבָּת פִירְט מֶען זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלָּה, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אַז דִי מַפְתֵּחַ פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אָדֶער גְרוֹיס הַאלְטְן מִיט דִי פַּרְנָסָה וָואס מֶען הָאט, כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוּלְדִיג אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אָדֶער פַארְקֶערְט - אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעלוּנְגֶען הָאט עֶר מֶער גֶעלְט, וַוייל גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יא): "לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם", פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, "וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר, וְגַם לֹא לַיֹּדְעִים חֵן"; אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

~~~

## וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען בֶּעטְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דִי** מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס דַארְפְן מִיר גוּט אַרַיינְקְרִיצְן אִין אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מִיר דַארְפְן עֶפֶּעס, נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, און אַז מֶען קֶען נִישְׁט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

~~~
~~~

# דף ד

## הַאי צוּרְבָא מֵרַבָּנַן, דָמֵי לְפַרְצִידָא דְתוּתֵי קָלָא, דְכֵיוָן דְנָבַט, נָבַט

**אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס לֶערְנְט פְּלַייסִיג שְׁפְּרָאצְט אוּן וַואקְסְט זַייעֶר הוֹיךְ**

**גֵיי** נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם; דוּ מַאךְ זִיךְ אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען. זֶע אַיינְצוּהַאלְטְן דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרֵי הַיְשִׁיבָה, זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן אַוַדַאי דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן בַּיי הַפְּסָקָה אָדֶער וֶוען אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳ דֶערמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיי דַיין ווִינְקְל אוּן גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, דַאן וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶע נָאמֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ד.): ״הַאי צוּרְבָא מֵרַבָּנַן, דָמֵי לְפַרְצִידָא דְתוּתֵי קָלָא, דְכֵיוָן דְנָבַט - נָבַט״, אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס לֶערְנְט פְּלַייסִיג אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ קֶערְל וָואס מֶען הָאט אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין דִי עֶרְד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן אִים, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ שְׁפְּרָאצְן, זָאגְט רַשִׁ״י (שָׁם): ״הוֹלֵךְ וְגָדֵל לְמַעְלָה״, וַואקְסְט עֶר הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

## מִיבָּעֵי לֵיהּ לְאִינִישׁ לְמֵילַף נַפְשֵׁיהּ בְּנִיחוּתָא

**דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען רוּאִיג אוּן מֶען שֶׁעלְט נִישְׁט**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּב ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ד.): ״מִיבָּעֵי לֵיהּ לְאִינִישׁ לְמֵילַף נַפְשֵׁיהּ בְּנִיחוּתָא״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת יא, י): ״וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ״.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן

עֶרְלִיכֶער איד. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין סה.): "אָמַר רַבִּי אִילְעַאי בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר, בְּכוֹסוֹ בְּכִיסוֹ וּבְכַעְסוֹ", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער איד בַּיי דְרַיי פֶּעלֶער, אֵיינֶע פוּן דִי פֶּעלֶער אִיז "בְּכַעְסוֹ", אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵינוֹ קַפְּדָן יוֹתֵר מִדַּאי", עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיבּ עֶס גֵייט אִים נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל.

**אַז** מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט, דֶעמָאלְט גֶעדֶענְקְט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי ווֶעלְט; מֶען רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווֶען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען ווִיל, ווַייל מֶען ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּן אַוַדַּאי אוּן אַוַדַּאי הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם דִיבּוּר, מֶען שֶׁעלְט נִישְׁט ווֶען עֶפֶּעס אוּמְאַנְגֶענֶעם פַּאסִירְט.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס שֶׁעלְט קְלָלוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת קְלָלָה חֵלֶק ב, סִימָן א): "אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתּוֹהוּ", אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שֶׁעלְטְן, דֶער אִיז אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, עֶר לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה, בַּיי אִים אִיז אַלֶעס תֹּהוּ וָבֹהוּ. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט: "הָרָגִיל בִּבְרָכָה, הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן", ווָער עֶס בֶּענְטְשְׁט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אִיז אִין עוֹלָם הַתִּיקּוּן; בַּיי אִים אִיז אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, עֶר ווֵייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שֶׁעדִיגְן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען, דֶערְפַאר קֶען עֶר בֶּענְטְשְׁן יֶעדְן אֵיינֶעם.

**אַז** מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווֶעג בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶער לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים. מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל שֶׁעלְט מֶען נִישְׁט, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיפְצוּצִיעֶן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צג): "אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ שֶׁהֵם מְקַלְּלִים אֶת עַצְמָם, אֵין מְגַדְּלִים אֶת בְּנֵיהֶם", אוֹיבּ מַאן אוּן ווַייבּ שֶׁעלְטְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן ווֶעלְן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ווַייל ווֶען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן ווִי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, ווֶערְן זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן; זֵיי לֶעבְּן

שְׁטֶענְדִיג אִין פְּחָדִים אוּן זַיי וַואקְסְן אוֹיף פֶּעלֶערְהַאפְטִיג רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**מִיר** הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע ווְאוּנְדֶערְבַּארֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדְן פְּרַט אִין לֶעבְּן, דַארְפְן מִיר זֶען צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס בָּזֶה וּבַבָּא.

**אָמַר רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר רַבִּי יוֹנָתָן, שְׁלֹשָׁה שָׁאֲלוּ שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן, לִשְׁנַיִם הֵשִׁיבוּהוּ כַּהֹגֶן, לְאֶחָד הֵשִׁיבוּהוּ שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן, וְאֵלּוּ הֵן, אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, וְשָׁאוּל בֶּן קִישׁ, וְיִפְתָּח הַגִּלְעָדִי.**

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, וֶוען אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, הָאט עֶר נִישְׁט גוּט גֶעבֶּעטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פוּן אַ מֵיידְל גֶעבּ מִיר טְרִינְקֶען אוּן זִי וֶועט זָאגְן 'טְרִינְק אוּן גֶעבּ טְרִינְקֶען פַאר דִי קֶעמְלֶעךְ' דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זִי אִיז דִי כַּלָה", עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גוּט גֶעבֶּעטְן, וַוייל וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֵיידְל מִיט אַ אוּמְזֶעבַּארֶע פֶּעלֶער, אוּן עֶר וָואלְט אִיר גֶעבֶּעטְן וַואסֶער, וָואלְט עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ פֶּעלֶערְדִיגֶע כַּלָה וְכוּ', לְמַעֲשֶׂה הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז רִבְקָה אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר זוּכְט אַ שִׁידוּךְ, עֶר זָאל בֶּעטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אוּן נִישְׁט פַארְפֶעלְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פְּרַט.

**וֶוען** דוּ הֶערְסְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען נָאר וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, דַארְפְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אַז וָואס מֶען בֶּעט בַּאקוּמְט מֶען, נִישְׁט פְּשַׁט אַז עֶס זָאל דִיר מַאכְן אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן תְּפִלָה הָאט מֶען זִיכֶער גָארְנִישְׁט. דִי אַלֶע מֶדְרָשִׁים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן

תְּפִלָּה, דָאס אִיז מְחַזֵק צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט מֶען זָאלֶעמֶען דִי מֶדְרָשִׁים אוֹיפְצוּהֶערְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דף ז

## חֶרֶב עַל שׂוֹנְאֵיהֶן שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁעוֹסְקִין בַּד בְּבַד בַּתּוֹרָה וְכוּ'

### אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער – מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיינְס

**דָאס** וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יִרְמְיָה נ, לו): "חֶרֶב" עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, "אֶל הַבַּדִּים" – אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיין אָן קַיין חַבְרוּתָא; "וְנֹאָלוּ" – מֶען ווֶערְט פַארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד ווֶוען מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן חֲזַ"ל ווֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בַּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טָעוּתִים דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חָבֵר נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט גְרַייזְן, אָבֶּער הַיינְט ווֶוען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חָבֵר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט אַ חָבֵר דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס. ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תּוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין אוֹתוֹ גַּחֲלֵי רְתָמִים", ווֶער עֶס אִיז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַּחֲלֵי רְתָמִים.

**דֶערִיבֶּער** אַז דִיר אִיז גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, מִשְׁנַיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. רוֹב

גְּדוֹלִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעוואַקְסְן גְּדוֹלִים וְצַדִּיקִים דוּרְךְ לֶערְנֶען אַלֵיינְס, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם.

## הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּן

### חֲבֵרִים זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם

**מֶען** קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים; אַזוֹי וְוִי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְּמָרָא אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.): ״הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי״, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסאַךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי׳ס, ״וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי״, אוּן פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מֶער וְוִי פוּן מַיינֶע רֶבִּי׳ס; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועם מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק.

**זָאלְסְט** מִיר כְּסֵדֶר שִׁיקְן בִּילְדֶער וְוִי מֶען לֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן אַלֶע פְּרָטִים בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל; אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, ״אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק (ישעיה מא, ו)״, מֶען זָאל זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דֶער עִיקָר דִיבּוּרִים זָאל מֶען רֶעדְן נָאר פוּן תַּכְלִית.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעמַאכְט בַּיי מִיר אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמֶען בָּחוּרִים אָדֶער אִינְגֶעלַייט, בֶּעט אִיךְ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם עֶר זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן אַ ׳מַעֲשֶׂה פוּן הֶפְּקֵר׳; סֵיי לְטוֹב אוּן סֵיי פַּארְקֶערְט, וֶוער עֶס הָאט גֶענוּמֶען אוּן וֶוער עֶס הָאט צֶערִיסְן, וֶוער עֶס זָאגְט אַז עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה אוּן וֶוער עֶס זָאגְט עֶס אִיז אִיבֶּערִיג.

**אוֹיךְ** פְּרֶעג אִיךְ וֶוער עֶס הָאט אַ ׳מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה׳, אַ זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי פַּארְגֶעסְט מֶען נִישְׁט פוּנֶעם צִיל פַארְוָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

~~~
~~~

**זיך נישט פארלאזן אויף חברים**

**אַוַדַאי** דארף אַ מענטש האבן גוטע חברים, אַזוי ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ט): "איזוהי דרך ישרה שידבק בה האדם?" וואס איז די ריכטיגע וועג ווי אַזוי אַ מענטש זאל זיך פירן, "רבי יהושע אומר, חבר טוב", רבי יהושע זאגט מען זאל זיך נעמען אַ גוטער חבר; ווייל אַז מען האט אַ גוטע חבר קען מען זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן. נאך געפונען מיר אַז חז"ל זאגן (תענית כג.): "או חברותא או מיתותא", אויב מען האט נישט קיין גוטער חבר איז מען ווי אַ טויטער מענטש.

**דורך** אַ גוטע חבר קען מען זוכה זיין צו מקבל זיין פונעם צדיק אַסאך מער; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן לד) אַז דורך אַ חבר קען אַ מענטש איבער חזר'ן אַלע תורות פונעם צדיק, אַזוי אויך קען מען זיך לערנען פון אַ חבר מער וויפיל מען לערנט פונעם רבי'ן, אַזוי ווי רבי חנינא האט געזאגט (תענית ז.): "הרבה למדתי מרבותי, ומחברי יותר מרבותי", איך האב געלערנט אַסאך תורה פון מיינע רבי'ס, און פון מיינע חברים האב איך געלערנט נאך מער ווי פון מיינע רבי'ס.

**אָבער** פון די אַנדערע זייט דארף מען זיך זייער היטן פון מענטשן, ווייל רבם ככולם מיינען די אייגענע אינטערעסע. מוהרא"ש האט אונז כסדר מזהיר געווען מיר זאלן אַכטונג געבן פון מענטשן, מוהרא"ש טייטשט דאס וואס די הייליגע חכמים זאגן (אבות ב, ג): "הוו זהירין ברשות, שאין מקרבין לו לאדם אלא לצרך עצמן. נראין כאוהבין בשעת הנאתן, ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו"; אַ מענטש זאל זיך היטן פון סתם זאכן וואס ווערט אָנגערופן דברים של רשות, דאס הייסט "הוו זהירין ברשות" - מען זאל זיך היטן פון מענטשן וואס מאכן זיך ווי חברים, "שאין מקרבין לו לאדם אלא לצרך עצמן" - דאס וואס זיי זענען דיך מקרב און זיי מאכן זיך ווי חברים, דאס טוען זיי כל זמן זיי קענען האבן אַ טובת הנאה פון דיר, דאס טוען זיי פאר זייער אייגענע אינטערעסע, "נראין כאוהבין בשעת הנאתן" - ווי לאנג זיי קענען אַרויס האבן פון דיר אַ הנאה מאכן זיי זיך ווי זיי האבן דיך ליב, און ווען זיי זעען אַז זיי קענען מער גארנישט האבן פון דיר דעמאלט וואַרפן זיי דיר אַוועק, אַזוי ווי מיר זעען "ואין עומדין לו לאדם

בִּשְׁעַת דָּחֳקוֹ" - זֵיי הֶעלְפְן נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זֵיי זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֲבֵרִים, וַוייל אַן אֱמֶת'עֶר חָבֵר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן אִים.

**דֶערִיבֶּער** פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן מִיר זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חֲבֵרִים אוּן פוּן פְרֵיינְד, אוּן דָאס זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט חֲבֵרִים, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען פַארבְּרֶענְגֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ. וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חָבֵר וָואס אִיז דָא - אִיז דֶער מַאן פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן דִי וַוייבּ פַאר אִיר מַאן, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג אִינְאֵיינֶעם (אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן).

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מְעַיֵּין זַיין אִין צַוָאַת מוֹהֲרָא"שׁ (אוֹת ט) וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט פוּן חֲבֵרִים, אִיךְ בִּין דִיר מַעְתִּיק דֶעם חֵלֶק צַוָאָה:

**"אִיךְ** בֶּעט אֵייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אֵייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אֵייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אֵייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

**פַארְקֶערְט,** דָאס וֶועט אֵייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, וַוייל עֶר חַנְפְ'עֶט נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן לֶעבְּט זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן"

## נִמְשְׁלוּ דִּבְרֵי תוֹרָה לְמַיִם

**די תוֹרָה לֶעשְׁט אויס די פייער פון עֲבֵירוֹת**

**רַבִּי** נָתָן האט גֶעזָאגְט: ״אַ קוק ווייניגער, איז אַ בְּרִי ווייניגער״; יעדע קוק וואס מען קוקט אויף שְׁמוּץ, אויף גוֹיִם און גוי׳טעס – בַּאקוּמְט די נְשָׁמָה אַ בְּרִי, מען ווערט פַארְבְּרֶענְט.

**וָואס** טוט מען אַז מען כַאפְּט אַ בְּרִי פון הייסע וואסער, אָדער פון פייער? מען גיסְט קאלטע וואסער. דאס זעלבע דארף מען טון ווען מען ווערט אָפְּגֶעבְּרִיט פון עֲבֵירוֹת, מען דארף לויפְן צו די תוֹרָה, וואס תוֹרָה איז צוגעגְלִיכְן צו וואסער, אַזוֹי ווי די היילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ז.): ״אֵין מַיִם אֶלָּא תוֹרָה״.

**דֶערְפַאר** בעט איך דיר, נעם אַ מִשְׁנָיוֹת און זאג כַאטְשִׁיג אַ פֶּרֶק; איין פֶּרֶק נעמט נִישְׁט לַאנְג, און איין פֶּרֶק קען יעדער זָאגְן. אַ בָּחוּר אין יְשִׁיבָה האט צייט צו זָאגְן מער ווי איין פֶּרֶק, אין יְשִׁיבָה זָאגְן די בָּחוּרִים יעדְן טאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און זיי זענען מְסַיֵּים מִשְׁנָיוֹת יעדע חוֹדֶשׁ. אָבער אֲפִילוּ אינגעלייט קענען דאס אויך טון אַז מען איז זיך מְסַדֵּר און מען צעטיילט עס דורכ׳ן טאג קען מען לערנען מער ווי ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

## כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים ... בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵירָה

**דער וואס רעדט אויף צַדִּיקִים איז אַ סִימָן ער איז אַ בַּעַל עֲבֵירָה**

**ווען** איינער רעדט אויף צַדִּיקִים איז אַ סִימָן אַז ער איז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, אֲפִילוּ פון אינדְרויסְן זעט ער אויס ווי אַ שיינער איד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): ״כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵירָה״, ווער עס איז אַן עַזּוּת פָּנִים איז אַ סִימָן אַז ער איז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; ווי איז דא אַ גרעסערער עַזּוּת פָּנִים ווי איינער וואס וואגט זיך צו רעדְן אויף צַדִּיקֵי אֱמֶת?! ווי שעמט זיך נִישְׁט אַ מענטש צו רעדְן אויף צַדִּיקֵי עוֹלָם, אויפ׳ן היילִיגְן רַבִּי׳ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און זיין גרויסער תַּלְמִיד רַבִּי

נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?! עֶס אִיז נָאר וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פָּגוּם בִּבְרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כא): "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ", וָוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקֵי אֱמֶת, אִיז עֶס וַוייל "חִלֵּל בְּרִיתוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט זֶען, פַארְקֶערְט נָאךְ, דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי כְּלוֹמֶר׳ישֶׁע פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, דָאךְ זֶענֶען זֵיי פַארְפוֹילְט פוּן אִינֶעוֵוייניג.

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים אוּן מְנִיוָולִים

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶע׳עֵצָה׳ט אַז דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ גֵיין דַאוְונֶען אִין אַ שׁוּל וואו מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שׁוּל, וִוי אֵיידֶער זִיצְן מִיט לֵצִים, מְנִיוָולִים, וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר; וַוייל וָוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת, צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶועז אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט אִים, זַיינֶע עֲבֵירוֹת שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אִים. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט כַּמָּה פְּעָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וָוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים וִוי אֵיינֶער וָואס דֶערְוַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת?

**פָּאלְג** מִיךְ, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט דָארְט מִיט לֵצִים וָואס רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח) אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן זֵיי ווילְן בֶּאֱמֶת רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ אוּן הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אָנְשְׁרֵייעֶן וָוען זֵיי רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר פַארְדְרֵייעֶן זֵיי דִי וֶוערְטֶער כְּאִילוּ זֵיי רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם, וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ"; "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", זֵיי ווילְן בֶּאֱמֶת רֶעדְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מוֹרָא, דֶערִיבֶּער: "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם".

## דף ח

# אַתָּה מַה הֲנָאָה יֵשׁ לְךָ

### די הַארְבְּקֵייט פוּן לָשׁוֹן הָרָע

**די** הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ח.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע חַיוֹת גֵיין צוּם שְׁלַאנְג אוּן אִים פָארְהַאלְטְן: "מִיר הָאבְּן פַארְצִיקְט אַנְדֶערֶע חַיוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, אוּן מִיר הָאבְּן דָאס גֶעגֶעסְן, הָאבְּן מִיר כָאטְשִׁיג אַ תֵּירוּץ פַארְוָואס מִיר הָאבְּן עֶס גֶעטוּן, אָבֶּער דוּ שְׁלַאנְג, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבִּיסְן מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי פַארְ'סַמְ'ט, דוּ הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם?!" וַוייל אַ שְׁלַאנְג שְׁפִּירְט אִין אַלֶעמֶען אַ טַעַם פוּן עֶרְד - עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם; וֶועט דֶער שְׁלַאנְג עֶנְטְפֶערְן: "וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר, בֶּעסֶער גֵייט פְרֶעגְן דֶעם 'בַּעַל הַלָּשׁוֹן' - דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, דֶער וָואס פְּלַאפְּלְט אוּן פַארְצֵיילְט לָשׁוֹן הָרָע, פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר הָאט פוּן דֶעם!"

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲרָכִין טו:) דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אִיז גוֹרֵם אַז דְרֵיי מֶענְטְשְׁן זָאלְן שְׁטַארְבְּן - עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, אוֹיף וֶועם עֶר רֶעדְט זָאל שְׁטַארְבְּן אוּן דֶער וָואס הֶערְט עֶס אוֹיס זָאל שְׁטַארְבְּן. אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כו, ב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן, אוּן זַיין שְׁנוּר אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרוּי מִיט אַ לוֹיז מוֹיל - זִי הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן פוּן אֵיינֶעם אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, גֶעטְרָאגְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט לָשׁוֹן הָרָע; דֶער שְׁוֶוער פְלֶעגְט גֵיין צוּ אִיר צְוֵויי מָאל אַ טָאג אוּן אִיר בֶּעטְן אַז זִי זָאל נִישְׁט רֶעדְן מֶער קַיין לָשׁוֹן הָרָע, יֶעדֶע צוּפְרִי אוּן יֶעדֶע נַאכְט פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּ אִיר אוּן אִיר בֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז זִי זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע.

**זִי** אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְדָארְבֶּענֶע פְּרוֹי וָואס הָאט גֶעזוּכְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן מַעֲשִׂיּוֹת, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן: "דַיין טַאטֶע ווִיל טוּן מִיט מִיר אַן עֲבֵירָה, עֶר מוּטְשֶׁעט מִיר אוּן לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, וְהָא רַאְיָ' וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶר קוּמְט יֶעדֶע נַאכְט אוּן יֶעדֶע צוּפְרִי צוּ מִיר,

און ער רעדט צו מיר אַזוי שיין וְכוּ', באַהאַלט דיך וועסטו אַליינס זען", האָט ער זיך באַהאַלטן און געזען ווי זיין טאַטע קומט און רעדט צו זיין ווייב, האָט ער געטראַכט אַז די מַעֲשֶׂה איז אֱמֶת, איז ער געגאַנגען און ער האָט גע'הרג'עט זיין טאַטע, האָט מען אים געבּרענגט צום בֵּית דִּין און מען האָט אים אויך גע'הרג'עט ווייל ער האָט גע'הרג'עט זיין טאַטע, און נאָכדעם האָט בֵּית דִּין אויך גע'הרג'עט די פְּרוּי, ווייל די האָט גערעדט לָשׁוֹן הָרָע; זעט מען וואָס לָשׁוֹן הָרָע טוט - עס מאַכט צָרוֹת און עס איז גוֹרֵם אַז מען הרג'עט מענטשן.

**נָאךְ** דערציילן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (וַיִּקְרָא רַבָּה לג, ב), רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ האָט אַמָאל געמאַכט אַ סְעוּדָה פַאר זיינע תַּלְמִידִים און מען האָט סערווירט פיינע צִינְג פְלֵייש - ווייכע און האַרטע, האָט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ געזען ווי די תַּלְמִידִים ווילן זיך און זוכן אינעם טאָפּ נאָר די ווייכע צינג און נישט די האַרטע, האָט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ זיי געזאָגט: אַזוי ווי איר זוכט די גוטע ווייכע צינג און איר עסט נישט די האַרטע, אַזוי אויך זאָלט איר נוצן אייער צינג נאָר צו רעדן גוט איינער צום צווייטן און נישט שלעכט.

## הַמַּאֲמִין בְּחֻלְדָּה וּבוֹר

**דָאס הַאַרְבְּקֵייט פוּן וויי טוּן וְכוּ' און אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ**

**דָאס** וואָס דו צייכנסט צו אַז מען דאַרף איבערבעטן וְכוּ', דאָס איז ווען מען האָט שוין געמאַכט דעם שִׁידוּךְ; אַז מען האָט שוין מְקַבֵּל געווען איינער מיט'ן צווייטן צו מאַכן די שִׁידוּךְ און מען צעטיילט זיך איינער פון צווייטן - קען עס רַחֲמָנָא לִצְלַן שאַטן פאַר די קינדער,

אַזוי ווי מיר געפונען אין די גְּמָרָא (תַּעֲנִית ח.; עַיֵּין רַשִׁ"י דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "מֵחֻלְדָּה וּבוֹר", וְתוֹסְפוֹת דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "בְּחֻלְדָּה וּבוֹר") אַז עס איז געווען אַ מַעֲשֶׂה מיט אַ מיידל וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפע גרוב, איז אָנגעקומען דאָרט אַ בָּחוּר און איר געפרעגט: "אויב איך וועל דיר אַרויסשלעפּן וועסטו מיט מיר חֲתוּנָה האָבן?" האָט די מיידל געענטפערט: "יאָ", און זיי

הָאבְּן גֶענוּמֶען פַאר עֵדוּת דִי גְרוּב און אַ קַאץ וָואס אִיז בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה דָארְט אַרִיבֶּער, דֶער בָּחוּר הָאט אִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן גְרוּב און עֶר אִיז אַהֵיים צוּ זַיין שְׁטוּב און זִי אִיז אוֹיךְ אַהֵיים צוּ אִיר שְׁטוּב.

**דִי** מֵיידְל הָאט גֶעוַוארְט פַאר דֶעם בָּחוּר אַז עֶר זָאל מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער דֶער בָּחוּר הָאט גֶענוּמֶען אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט און גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד. אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ קַאץ און גֶעבִּיסְן דָאס קְלֵיין קִינְד און דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ קִינְד און דִי קִינְד אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גְרוּב און אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים זַיין ווַייבּ גֶעפְרֶעגְט: "מַה זֶּה הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהִגִּיעַ לָנוּ שֶׁלֹּא כִּשְׁאָר בְּנֵי אָדָם" וָואס אִיז דָאס אַז עֶס פַּאסִירְט צוּ אוּנְז אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט בַּיי אַ צְוֵוייטְן? מִיר דַארְפְן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אֶפְשָׁר הָאבְּן מִיר אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן? בִּיז דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁלָאסְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ צְוֵוייטֶע, אִיז דָאס זִיכֶער אַ שְׁטְרָאף פַארְ'ן וֵויי טוּן יֶענֶע מֵיידְל, הָאט אִים זַיין ווַייבּ גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, גֶעבּ מִיר אַ גֶט און גֵיי הָאבּ חֲתוּנָה מִיט אִיר".

**זֶעט** מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי הַארְבְּקֵייט פוּן וֵויי טוּן וְכוּ' און אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעמַאכְט אַז דִי שִׁידוּךְ זָאל וֶוערְן, אֲפִילוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט מֵיינְט אַז דָאס אִיז דֶער שִׁידוּךְ - און עֶס וֶוערְט נִישְׁט, דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

~~~

## נִבְעֵי רַחֲמֵי אַתַּרְתֵּי לֹא אֶפְשָׁר

**נִישְׁט מַאכְן אַ בָּארְג פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען**

**אִין** דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנִי אִיז גֶעוֶוען אַ מַגֵּיפָה, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן. אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע הוּנְגֶער, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אַ גַאנְץ יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן; הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעטְרַאכְט: "וָואס טוּט מֶען דָא? אוֹיף וֶועלְכֶע צָרָה זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ: 'לֹא מְצַלִּינָן אַתַּרְתֵּי', מֶען
~~~

קֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף צְוֵויי צָרוֹת?!" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "ווֶעלְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי מַגֵיפָה זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, ווַייל דָאס אִיז אַ עֶרְגֶערֶע צָרָה, אוּן מִיר ווֶעלְן דַארְפְן לַיידְן פוּן דִי הוּנְגֶער". הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנִי גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי הוּנְגֶער זָאל זִיךְ אוֹיפְהֶערְן, ווֶעט זִיךְ אוֹיטָאמַאטִישׁ דִי מַגֵיפָה אוֹיפְהֶערְן, 'דְּכִי יָהִיב רַחְמָנָא שׁוֹבְעָא', ווַייל ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט עֶסְן - 'לְחַיֵּי הוּא דְיָהִיב', גֶעבְּט עֶר עֶס פַאר לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט פַאר טוֹיטֶע".

**ווֶען** אִיךְ פְלֶעג לֶערְנֶען דִי גְמָרָא אִיז מִיר אֵייבִּיג שְׁוֶוער גֶעוֶוען, פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף צְוֵויי צָרוֹת? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ כֹּל יָכוֹל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס טוּן, פַארְוָואס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "לֹא מְצַלִינָן אַתַּרְתֵּי", אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין יוֹם תְּפִלָּה אוֹיף צְוֵויי צָרוֹת?!

**הָאבּ** אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶעם פְּשַׁט פוּן רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א. ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַ יֵאוּשׁ, דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אַפָּאר פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, דֶערְפַאר זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז ווֶען עֶס אִיז דָא מֶער ווִי אֵיין פְּרָאבְּלֶעם זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ יוֹם תְּפִלָּה אוֹיף אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען צוּזַאמֶען, ווַייל דָאס ווֶעט נָאר אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ יֵאוּשׁ, עֶר ווֶעט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן ווֶערְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן מֶען צֶעטֵיילְן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, זֶען יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם עֶקְסְטֶער ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס בַּאהַאנְדְלֶען, ווֶעט דֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין נִישְׁט זֶען פַאר זִיךְ אַ בַּארְג מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר ווֶעט ווֶערְן פוּל מִיט הָאפֶענוּנְג זֶעעֶנְדִיג אַז אֵיין טָאג ווֶעט עֶר אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן.

**אַוַדַאי** קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוֹיף סֵיי וָואס פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוּן עֶר קֶען הֶעלְפְן אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, נָאר מֶען רֶעדְט צוּם מֶענְטְשׁ: "דוּ בֶּעט נִישְׁט אוֹיף אַפָּאר זַאכְן, ווַייל דָאס ווֶעט דִיר אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ פַּאנִיק וְכוּ', מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף אֵיין מָאל, ווַייל דָאס ווֶעט דִיר נָאר צֶעבְּרֶעכְן".

# כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח.): "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילּוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוֶוענְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז): "וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם, וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ שְׁטֵייט נָאכְדֶעם (שָׁם, לח): "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר", אוֹיב מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן יֶעדֶע תְּפִלָּה אֲפִילּוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין וְכוּ'; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, אֲפִילּוּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דָאס** וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן אוּן מֶען טְרַאכְט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל אוּן אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען בְּיְחִידוּת וְכוּ'?' אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן.

**נָאךְ** זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית

הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", וְוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל אוּן עֶר פַארְפֶעלְט אַמָאל צוּ קוּמֶען, פְרֶעגְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ נָאךְ אוֹיף אִים: "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז מִיט אִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען הַיינְט אִין שׁוּל?" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וְוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִי הַשְׁגָחָה אוֹיף זִיךְ.

## דף ט

## רַחְמָנָא לִיצְלָן מִכִּיסוּפָא דְשִׁימִי

דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט, אוּן בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט

**עֶס** זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלֵיינִיקֵייטְן, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שׁוֹין אַלֶעס הָאבְּן. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִים יֶעצְט; אַוַדַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען אוּן אִידְן זָאלְן מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין צָרוֹת, אָבֶּער אַן אֶמֶת'עֶ תְּפִלָּה אִיז וְוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס דְרוּקְט אִים.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית ט:): "רַב שִׁימִי בַּר אַשִׁי הֲוָה שְׁכִיחַ קַמֵּיהּ דְּרַב פָּפָּא, הֲוָה מַקְשֵׁי לֵיהּ טוּבָא", רַב שִׁימִי פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי רַב פָּפָּא, אוּן עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַרַיינְפְרֶעגְן בַּיים שִׁיעוּר, "יוֹמָא חַד חַזְיֵיהּ דְנָפַל עַל אַפֵּיהּ, שָׁמְעֵיהּ דְּאָמַר 'רַחְמָנָא לִיצְלָן מִכִּיסוּפָא דְשִׁימִי'", אֵיין טָאג הֶערְט עֶר ווִי רַב פָּפָּא בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי נְפִילַת אַפַּיִם: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט וְוען רַב שִׁימִי פְרֶעגְט אַרַיין, "קַבִּיל עֲלֵיהּ שְׁתִיקוּתָא, וְתוּ לֹא אַקְשֵׁי לֵיהּ", הָאט רַב שִׁימִי זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין צוּ פְרֶעגְן; זֶעט מֶען פוּן דִי גְמָרָא אַז מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט,

און בֶּעטְן אויף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, און מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַארְוָואס הָאט רַב פָּפָּא נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קומֶען, נָאר מֶען דַארְף אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

~~~

## מָלֵא צָנָא דְּתַמְרֵי

קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית ט:): "עוּלָּא אִיקְלַע לְבָבֶל", עוּלָא אִיז גֶעקוּמֶען קַיין בָּבֶל, "חֲזֵי מָלֵא צָנָא דְּתַמְרֵי בְּזוּזָא", הָאט עֶר גֶעזֶעְן אַז עֶס אִיז דָא צוּ קוֹיפְן אַ גַאנְצֶע קָארְבּ טֵייטְלֶען פַאר זֵייעֶר בִּילִיג, פַאר אֵיין זוּז, "אָמַר, מָלֵא צָנָא דְּדוּבְשָׁא בְּזוּזָא, וּבַבְלָאֵי לֹא עָסְקֵי בְּאוֹרַיְיתָא" הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: "מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל מִיט הָאנִיג פַאר אַזוֹי בִּילִיג - פַאר אַ זוּז, און די מֶענְטְשְׁן פוּן בָּבֶל לֶערְנֶען נִישְׁט?!" פַארְצֵיילְט די גְמָרָא, אַז עוּלָא הָאט גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ טֵייטְלֶען "בְּלֵילְיָא צְעָרוּהוּ", בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעהַאט צַעַר פוּן די טֵייטְלֶען, "אָמַר, מָלֵא צָנָא דְסַכִּינָא בְּזוּזָא, וּבַבְלָאֵי עָסְקֵי בְּאוֹרַיְיתָא" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַזוֹי גְרִינְג אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל מִיט מֶעסֶערְס פַאר אַזוֹי בִּילִיג, און דָאךְ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן אִין בָּבֶל וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה?!"

מֶען זֶעט פוּן די מַעֲשֶׂה אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ; מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ נָאר שְׁלֶעכְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן: 'פַארְוָואס לֶערְנְט יֶענֶער נִישְׁט? פַארְוָואס דַאוֶוענְט עֶר נִישְׁט? פַארְוָואס אַהֶער? פַארְוָואס אַהִין?' אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זִיךְ
~~~

הָאט עֶר אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַ סִיבָּה, ׳פַארְוָואס לֶערְן אִיךְ נִישְׁט? וַוייל אִיךְ דַארְף דָאס עֶרְלֶעדִיגְן׳, ׳פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶוענֶען? וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צַער בַּיינַאכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, אָה! פַארְוָואס טְרַאכְטְסְטוּ נִישְׁט אַז אֶפְשָׁר הָאט יֶענֶער אוֹיךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע נַאכְט? דֶערְפַאר דַארְף מֶען אֵייבִּיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת אַ צְוֵוייטְן.

## דף י

## תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁמְּהַלְּכִים בַּדֶּרֶךְ

**דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוערְט מֶען גֶעראַטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס**

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען וֶוען מֶען וַוארְט אוֹיף אַ בָּאס וְכוּ׳; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית י:): ״שְׁנֵי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁמְּהַלְּכִים בַּדֶּרֶךְ, וְאֵין בֵּינֵיהֶן דִּבְרֵי תּוֹרָה, רְאוּיִין לִישָּׂרֵף״, וֶוען מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִיז מֶען רָאוּי פַארְבְּרֶענְט צוּ וֶוערְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוֹיפְ׳ן טְרֶעין אָדֶער אוֹיפְ׳ן בָּאס, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט מִיט זִיךְ אַ סֵפֶר; אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ תְּהִלִּים וְכַדוֹמֶה, וֶועט עֶר פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע. נִישְׁט נָאר מֶען מֶעג לֶערְנֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, נָאר אַן דֶעם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד, בִּפְרַט זוּמֶער וֶוען מֶען פָארְט מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע בָּאסֶעס, טְרֶעינְס וְכַדוֹמֶה לָזֶה, אוֹיבּ נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט אַ סֵפֶר מִיט זִיךְ וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט. נִישְׁט אֵיין מָאל, נָאר יֶעדֶע סְקוּנְדֶע.

**אַזוֹי** אוֹיךְ וֶוען מֶען אַרְבֶּעט אִין אַ פְּלַאץ מִיט גוֹיִם וְכוּ׳ אוּן מֶען ווִיל נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען הָאט נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶועט מֶען גֶעראַטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

## דף יא

## בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ

די וֶוענְט וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן

**דַאנְק** אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע וַוייבּ וָואס ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דִיר אַן עֶרְלִיכֶער שְׁטוּבּ, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט אַבִּיסְל לֶערְנֶען, זִי ווִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּב וואוּ דֶער טַאטֶע לֶערְנְט.

**אַז** מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד" (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, נָאר מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן קוֹל. דִי וֶוענְט וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס 'דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה"; דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דִי מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין זַיין וַוייבְּ'ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.

## דף טז

## זָרְקוֹ מִיָּדוֹ, כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה, מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה

אַפְּלָאזְן דֶעם שֶׁרֶץ

**וֶוען** מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ מְטַהֵר זַיין דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דֶעם שֶׁרֶץ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת

שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זָרְקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סָאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט אָן אַ טוֹיטֶע שֶׁרֶץ הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, אֲפִילוּ אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ וֶוערְט עֶר רֵיין, אָבֶּער אוֹיב עֶר הַאלְט אָן דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ וֶוערְט עֶר נִישְׁט רֵיין; בֶּעט אִיךְ דִיר: "וַוארְף אַוֶועק דֶעם שֶׁרֶץ, דֶעם שְׁמוּצִיגְן כֵּלִי וָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיף דֶעם שְׁמוּץ אוּן נִיאוּף, דָאס אִיז דֶער טוֹיטֶע 'מַייז'; וַוייל וִוי לַאנְג דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם טוֹיטְן מַייז קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֵיינִיגְן".

## מְטוּפָּל וְאֵין לוֹ

> בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אִים אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.) אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַן עֲצִירַת גְּשָׁמִים אוּן מֶען מַאכְט אַן עֲצֶרֶת תְּפִלָּה – זָאל מֶען נֶעמֶען פַאר'ן שְׁלִיחַ צִיבּוּר אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז "מְטוּפָּל וְאֵין לוֹ", אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ זָקֵן וְחָכָם. רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט, דֶער טַעַם אִיז, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער אוּן עֶר דַארְף זֵיי מְפַרְנֵס זַיין, אַזַא מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן זַיין הַארְץ, עֶר שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אִים, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר בֶּעט פַאר אַ יְשׁוּעָה.

**אִין** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז וֶוען אַן אָרֶעמַאן קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף עֶסְן אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דֶער תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן – מֶער פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת, עַיֵּין שָׁם.

**דֶערְפַאר,** ווָאוּיל אִיז דִיר אוּן ווָאוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ בֶּעטְסְט אִים פַּרְנָסָה; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אֵיין זַאךְ: 'נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי

זַאךְ פוּן תְּפִלָּה׳, אַזוֹי צִי אַזוֹי – דָאס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶה, וַוייל ווי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פד): ״דַּע, שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִיא עַל יְדֵי תְּפִלָּה״, דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

~~~

### דִי תְּפִילוֹת פוּן אַ פְּרוֹי אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל

**זֶעט** צוּ בֶּעטְן יוֹם כִּיפּוּר פַּאר אַייךְ, פַּאר אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער, אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּט יָאר. וַוייל דִי תְּפִילוֹת פוּן אַ פְּרוֹי אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז:) וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ אוּן מֶען אִיז גּוֹזֵר תַּעֲנִית, שִׁיקְט מֶען צוּ צוּם עָמוּד דַוְקָא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַ ׳מְטוּפָּל וְאֵין לוֹ׳, עֶר הָאט קִינְדֶער אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זֵיי צוּ שְׁפַּייזְן, וַוייל אֵיינֶער וָואס הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז זַיין הַארְץ מֶער צֶעבְּרָאכְן, אוּן אַזַא אֵיינֶער דַאוֶוענְט מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אַ פְּרוֹי וָואס זִי אִיז מִיט דִי קִינְדֶער אַגַאנְצְן טָאג, אִיר הַארְץ אִיז מֶער צֶעבְּרָאכְן אוּן אִירֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּפִילוֹת וָואס פְרוֹיעֶן בֶּעטְן. מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַּארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען בָּטֵל מַאכְן דִי וַוייבֶּער שׁוּל״, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אוּן עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פַּארְקֶערְט; מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען״.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לג): ״אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״ בַּיי דֶער וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, ״וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים״. אֱמוּנָה אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן תְּפִילוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן.

~~~

# דף כא

## נָחוּם אִישׁ גַּמְזוּ

**צוּשְׁטֶעלְן חִזּוּק אוֹיף אַ גְרִינְגֶע שְׁנֶעלֶע וֶועג**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט צוּ וַוארְטְן בִּיז עֶר טְרֶעפְט חִיזּוּק וַוייל עֶר קֶען אִין אֵיין מִינוּט עֶנְדִיגְן זַיין לֶעבְּן. מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא (תַּעֲנִית כא.) אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, דֶער תַּנָא נָחוּם אִישׁ גַּמְזוּ, אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד אוּן אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אָן קַיין הֶענְט אָן קַיין פִיס. הָאבְּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט: "רַבִּי, וְכִי מֵאַחַר שֶׁצַּדִּיק גָּמוּר אַתָּה, לָמָּה עָלְתָה לְךָ כָּךְ", רֶבִּי, פַארְוָואס הָאט דָאס פַּאסִירְט מִיט אַייךְ?! הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען אַז דָאס זָאל פַּאסִירְן צוּ מִיר", אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "עֵינַי שֶׁלֹּא חָסוּ עַל עֵינֶיךָ, יְסוֹמוּ", מַיינֶע אוֹיגְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם אָרֶעמַאן - זָאלְן בְּלִינְד וֶוערְן, "יָדַיי שֶׁלֹּא חָסוּ עַל יָדֶיךָ, יִתְגַּדְּמוּ", מַיינֶע הֶענְט וָואס הָאבְּן נִישְׁט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי הֶענְט פוּנֶעם אָרֶעמַאן - זָאלְן וֶוערְן אָפְּגֶעהַאקְט, "רַגְלַיי שֶׁלֹּא חָסוּ עַל רַגְלֶיךָ, יִתְקַטְּעוּ", מַיינֶע פִיס וָואס הָאבְּן נִישְׁט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם אָרֶעמַאנְ'ס פִיס - זָאלְן וֶוערְן אָפְּגֶעהַאקְט, "וְלֹא נִתְקָרְרָה דַּעְתִּי, עַד שֶׁאָמַרְתִּי כָּל גּוּפִי יְהֵא מָלֵא שְׁחִין", אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְט בִּיז וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין גַאנְצֶע גוּף זָאל וֶוערְן פוּל מִיט קְרֶעץ; וַוייל אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאבְּנְדִיג מִיט מִיר דְרֵייא אֵייזְלֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, הָאט מִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַן אָרֶעמַאן אוּן גֶעבֶּעטְן עֶסְן, "אָמַרְתִּי לוֹ הַמְתֵּן, עַד שֶׁאֶפְרוֹק מִן הַחֲמוֹר", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אוֹיסְוַוארְטְן וִוי לַאנְג אִיךְ וֶועל זִיךְ מְסַדֵּר זַיין, "לֹא הִסְפַּקְתִּי לִפְרוֹק מִן הַחֲמוֹר עַד שֶׁיָּצְתָה נִשְׁמָתוֹ", דֶער אָרֶעמַאן אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַזוֹי הוּנְגֶערִיג אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן וַוארְטְנְדִיג אוֹיף

עֶפֶּעס עֶסְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן אוּן מֶען פַארְזוּימְט זִיךְ קֶען יֶענֶער שְׁטַארְבְּן. **כָּל** שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ חִיזוּק; אוֹיב מֶען הַאלְט צוּרִיק פוּן אַ מֶענְטְשׁ חִיזוּק - קֶען דֶער מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם עֶנְדִיגְן זַיין לֶעבְּן.

דֶערִיבֶּער לֶייג אַרוֹיף אוֹיף יֶעדֶע דְּרָשָׁה אַ נָאמֶען, דִי זֶעלְבֶּע נָאמֶען אַזוֹי וִוי מֶען לֶייגְט דָאס אַרוֹיס אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן חִיזוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן וָואס עֶר זוּכְט יֶעצְט חִיזוּק.

## לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעָבְדָא דְאַבָּא אֻמָּנָא

**יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד) יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער אַבָּא אוּמְנָא וָואס פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס פוּן הִימְל, אַבַּיֵי הָאט בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אוּן רָבָא פְּלֶעגְט בַּאקוּמֶען אֵיינְמָאל אַ יָאר - עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר.

**דֶערְצֵיילְט** דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר דֶעם גְרוּס עֶרֶב שַׁבָּת אוּן דֶער דָאקְטֶער בַּאקוּמְט דָאס יֶעדְן טָאג, הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר אַבַּיֵי אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער טוּט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אוּן אִין הִימְל אִיז מֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים 'תַּרְבֶּה סוֹפְרִים'" נָאר 'תַּרְבֶּה חָכְמָה', דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען זֶעט וִוי אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין זַיין נְקוּדָה דַארְף מֶען נִישְׁט מְקַנֵא זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וֶועלְן נָאכְמַאכְן זַיין נְקוּדָה, נָאר מֶען דַארְף אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אוּן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין מַיין זַאךְ.

**פְרֶעגְט** מִיךְ אֵיינֶער: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין נְקוּדָה, עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט, אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, אֵיינֶער אִיז שְׁטַארְק אִין חֶסֶד,

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין שׁוּם נְקוּדָה"? זָאג אִיךְ אִים: "דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע נְקוּדָה, אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְטְסְטוּ זִיךְ אוּן דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג".

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ ווייס שׁוֹין אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט'ן יֵצֶר הָרָע, קוּמְט עֶר מִיךְ צֶעבְּרֶעכְן מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט", נָאר מֶען דַארְף זִיךְ אַלֶעמָאל קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפא) עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע שְׁנַיידֶערְס וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן אַ קְלֵייד פַאר דִי לְבָנָה אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָפְּמֶעסְטְן דִי מָאס פוּן דִי לְבָנָה, אָבֶּער דִי לְבָנָה וֶוערְט יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע מָאס – קוֹדֶם וֶוערְט זִי גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער אוּן נָאכְדֶעם וֶוען זִי אִיז שׁוֹין גְרוֹיס הֵייבְּט זִי אָן צוּ וֶוערְן קְלֶענֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי קְלֵיינֶע שְׁנַיידֶערְס אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן פְּרוּבִּירְן וְכוּ'. הָאבְּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁנַיידֶערְס גֶעזָאגְט פַאר דִי קְלֵיינֶע שְׁנַיידֶערְס: "וָואס פְּרוּבִּירְט אִיר, מַה דָאךְ מִיר וָואס מִיר זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע שְׁנַיידֶערְס פוּן רוּסְלַאנְד הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט, וֶועט אִיר קֶענֶען?!"

**דֶער** רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם נִמְשָׁל; הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דֶער נִמְשָׁל אִיז, אַז יֶעדֶער ווִיל זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זִיךְ מַאכְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז אַלֶעס וֶועט קְלַאפְּן וְכוּ', וַוייל אֵיין טָאג גֵייט מֶען אַרוֹיף – מֶען וֶוערְט גְרֶעסֶער, אוּן אֵיין טָאג גֵייט מֶען אַרָאפּ – מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, אֲפִילוּ מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זֶעט זִיךְ אַז מֶען הַאלְט נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, דָאךְ דַארְף מֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, בִּפְרַט דִי סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן צוּזַאם גֶענוּמֶען אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג אַז יֶעדֶער זָאל פַארְשְׁטֵיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

~~~
~~~

**דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לד): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט. אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל, אוּן אַבָּא אֻמָּנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְּאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי וְוי דֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט): "דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

עֶס אִיז גֶעוֶועןאַ פְּרוֹי וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר מְקַנֵּא זַיין אִירֶע שְׁכֵנִים, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מוּטְשֶׁען אִיר מַאן: "קוּק וְוי אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ, פַארְוָואס נֶעמְסְטוּ מִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס?" דֶער מַאן פְלֶעגְט אִיר אַלְץ זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ זַיין מִיט דִיר אִין שְׁטוּבּ, וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים? דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה", עֶר פְלֶעגְט אִיר זָאגְן: "אִיךְ בִּין גוּט צוּ דִיר, אִיךְ בִּין גֶעטְרֵיי צוּ דִיר, אִיךְ הֶעלְף דִיר", אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ קִנְאָה, זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיי דִי פֶענְסְטֶער קוּקְן וְוי דִי שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ; זִי פְלֶעגְט מַמָּשׁ אוֹיסְגֵיין פַאר קִנְאָה זֶעעֶנְדִיג וְוי זֵיי זִיצְן אִין זֵייעֶר קַאר אוּן פָארְן אַוֶועק וְכוּ׳, אוּן זִי פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען אִיר מַאן אַז זֵיי דַארְפְן אוֹיךְ פָארְן וְכוּ׳. בִּיז אִיר מַאן הָאט אִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וְואוּ צוּ פָארְן, אֶפְשָׁר פְרֶעגְסְטוּ דִי שְׁכֵנִים וְואוּ זֵיי פָארְן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ?" דֶעמָאלְט הָאט זִי שׁוֹין גֶעהֶערְט וְואוּ זֵיי פָארְן; "מִיר גֵייעֶן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער" - הָאט דִי שָׁכֵנְ׳טֶע אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט...

**דֶערְפַאר** אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

**אֲפִילוּ** וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחָנִיּוֹת, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה", אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאגְט

דֶעם מֶענְטְשׁ: 'דוּ דַארְפְסְט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן', וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה "סוֹפְרִים", נָאר קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה "חָכְמָה", וַוייל דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע וִוי יֶענֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה "חָכְמָה", דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ?'

**וֶוען** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיט'ן תַּם הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אַז דָאס דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרַיי עֶקְן"; זֶעט מֶען אַז בַּיי רוּחָנִיּוּת דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס עֲבוֹדָה.

**עֶס** אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב), פוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער – זָאגְט רֶבִּי נָתָן – דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט וִוי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּשְׁעַת וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ', "וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם".

...

### טוּן אוּנְזֶער שְׁלִיחוּת וָואס מִיר הָאבְן צוּ טוּן אָן בַּאקוּמֶען אַ גֶלֶעט יֶעדְן טָאג

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ טְרַאכְסְט צִי אִיךְ דַארְף דִיר יָא צִי נִישְׁט וְכוּ'; אִיךְ טְרַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל צוּ מִיר: וִוי אַזוֹי הָאט דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן גֶענֶערַאלְן שְׁלוּחִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג? זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעדַארְפְט יֶעדְן טָאג דֶעם בַּת קוֹל וָואס אַבָּא אוּמְנָא הָאט בַּאקוּמֶען; זֵיי אִיז גֶענוּג גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּ הֶערְן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי אֵיין וָוארְט: "זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ

זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז״; דָאס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְוָואַרְפְן אִין אַ שְטָאט וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין אִידְן, צוּמָאל אָן קַיין כָּשֶׁר׳ע עֶסְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֵיינְס גֶעדַארְפְט בַּאזָארְגְן מִיט אַלֶעס. אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי אוֹיפְגַאבֶּע צוּ זוּכְן ווִי מֶען קֶען מְזַכֶּה זַיין אַ אִיד מִיט מִצְוַת תְּפִילִין, מְזַכֶּה זַיין אַ אִיד מִיט שְׁמִירַת שַׁבָּת אוּן נָאךְ.

**טְרַאכְט** אִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ מִיר: ׳וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס פּוֹעֵל׳ן, אַז מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְן זַיין בַּיי זִיךְ אַייזְן פֶעסְט, פֶעלְזְן פֶעסְט - צוּ טוּן אוּנְזֶער שְׁלִיחוּת וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן; פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אָן דֶעם וָואס מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט יֶעדְן טָאג׳; בִּיז דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ אַז אוֹיבּ אִיךְ פַארְגֶעס אֵיין טָאג צוּ גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ תַּלְמִיד אִיז עֶר שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוֹיף פִּיצְלֶעךְ; עֶר הָאט שׁוֹין סְפֵיקוֹת צִי עֶר זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת צוּ טוּן מַיין אַרְבֶּעט אָן דֶעם וָואס אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״; אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דֶעם חֶדֶר אִסְרוּ חַג פֶּסַח שְׁנַת תש״ע, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״, נִיטְאַמָאל אֵיין מָאל אַ וָואךְ הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בַּת קוֹל וִוי אַבַּיֵי וָואס פְלֶעגְט כָאטְשׁ בַּאקוּמֶען יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת דֶעם בַּאגְרִיסוּנְג: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי״; אֶפְשָׁר אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע יָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא״ש אַ בַּת קוֹל ווִי רָבָא וָואס הָאט בַּאקוּמֶען אֵיין מָאל אַ יָאר: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא״.

**וֶוען** אִיךְ פְלֶעג אַרַיינְגֵיין צוּ מוֹהֲרָא״ש יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא״ש מִיר נִישְׁט גֶעגְלֶעט וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף מוֹהֲרָא״ש אוּן דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען גֶענוּג. אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״ש עֶר זָאל שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזוּכְט אַ רֶבִּי וָואס זָאל מִיר וַוייזְן

זַיינֶע וַוייסֶע צֵיין; אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן, אַז אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטְרָאפְן הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז עֶס, (תְּהִלִּים קלב, יד): "פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ".

**מִיר** הָאבְּן גְלַייךְ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר, מֵיידְל שׁוּלֶע וְכוּ' וְכוּ' אוּן יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעעֶפֶענְט אַ כּוֹלֵל - אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל מִיר וַוייזְן זַיינֶע צֵיינֶער. דָאס אִיז חוּץ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַנְדֶערֶע קוֹלוֹת, נִישְׁט קַיין בַּת קוֹל נָאר (שְׁמוֹת לב, יח): "קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ", אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט: "קוֹל חֵרוּפִין וְגִדוּפִין וְכוּ'"; דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זִיךְ אָנְצוּהֶערְן אַלֶע יָארְן מִבַּיִת וּמִחוּץ.

**דִי** אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים צִי מֶען דַארְף זֵיי יָא אָדֶער מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן דְרָשׁוֹת פוּן אֱמוּנָה אָדֶער שְׁרַייבְּן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה, חִיזוּק, יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין רֵיינְקֵייט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי זֶענֶען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת: 'וֶוער דַארְף מִיךְ?' 'וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס?' 'יֶעדֶער וֵוייסְט שׁוֹין'; אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אָבֶער, אַז עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אֲלָפִים טְרֵיף פָּסוּל אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם סָפֵק צִי עֶס פֶעלְט אוֹיס אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ אַ שְׁמוּץ מַאגַאזִין, נָאךְ אַ מָאוִוי, זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט: 'וֶוער דַארְף עֶס?' 'וָואס בִּין אִיךְ מְחַדֵשׁ?' זֶעט מֶען גְלַייךְ אַז דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים זֶענֶען עֲצַת הַיֵּצֶר וָואס עֶר וִויל מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ כֹּחַ אוֹיפְצוּטוּן אוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

~~~
~~~

## דף כב

## אִיכָּא בְּהַאי שׁוּקָא בַּר עָלְמָא דְאָתֵי

### גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אַ שְׁמֵייכְל

**אֵיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כב.): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אַמָאל בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי בְּרוֹקָא אוֹיפְן גַאס, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, ווַייל זֵיי גֵייעֶן אַרוּם פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, מַאכְן זֵיי דָארְט פְרֵיילִיךְ בִּיז זֵיי בֶּעטְן זִיךְ אִיבֶּער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

~~~

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְווֵייטְן

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג): "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי יְסוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן. זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן וֶוען זֵיי זֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם".

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כב.) רַב בְּרוֹקָא אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא עֶר זָאל אִים ווַייזְן וֶוער דָא עֶס הָאט עוֹלָם הַבָּא, הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן "זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא", אִיז רַב בְּרוֹקָא גֶעלָאפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, וָואס טוּט אִיר?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען בַּדְחָנִים; וֶוען מִיר זֶעהְן אַז מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, גֵייעֶן מִיר צוּ צוּ זֵיי אוּן מִיר מַאכְן זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע וֶוערְטְלֶעךְ בִּיז זֵיי וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן
~~~

מַאכְן שָׁלוֹם", דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא. זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

~~~

## וְשַׁמְעֵיהּ דְקָא מַצְדִיק עֲלֵיהּ דִינָא אַנַפְשֵׁיהּ

### אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב:) וֶוען דֶער הוּנְקֶעדִיגֶער פַּרְעֹה הָאט גֶעשָׁאסְן דֶעם אִידִישְׁן קֶענִיג, יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ, שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-ב לה, כג): "וַיֹּרוּ הַיֹּרִים לַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ, וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לַעֲבָדָיו הַעֲבִירוּנִי כִּי הָחֳלֵיתִי מְאֹד", מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאסְן אַזוֹיפִיל מָאל בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט ווִי אַ זִיפּ; בִּשְׁעַת דֶער קֶענִיג יֹאשִׁיָּהוּ אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעמֵיינְט: "שֶׁמָּא חַס וְשָׁלוֹם מִילְתָא דְּלֹא מְהַגְנָא אָמַר אַגַּב צַעֲרֵיהּ", אֶפְשָׁר פוּן גְרוֹיס צַעַר רֶעדְט עֶר חַס וְשָׁלוֹם קֶעגְן דִי אֱמוּנָה? "גָּחִין", הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ הֶערְן וָואס עֶר רֶעדְט, "וְשַׁמְעֵיהּ דְּקָא מַצְדִּיק עֲלֵיהּ דִּינָא אַנַּפְשֵׁיהּ", הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי עֶר נֶעמְט אָן זַיינֶע יְסוּרִים מִיט לִיבְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה א, יח): "צַדִּיק הוּא ה', כִּי פִיהוּ מָרִיתִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט מִיט אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר, ווַייל אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעפָאלְגְט; "פָּתַח עֲלֵיהּ הַהִיא שַׁעְתָּא", הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ד, כ): "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה' נִלְכַּד בִּשְׁחִיתוֹתָם", דֶער מָשִׁיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן; וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט מִיט יְסוּרִים, עֶר אִיז גֶעלֶעכֶערְט ווִי אַ זִיפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז מָשִׁיחַ.

**דָאס** וֶועט מָשִׁיחַ אִין אוּנְז אַרַיין בְּרֶענְגֶען אוּן דָאס לֶערְנְט מִיט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן נָאר מַצְדִּיק זַיין דֶעם
~~~

דִין אוֹיף זִיךְ אוּן זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!״ דָאס לֶערְנְט מֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט.

~~~

## דף כג

## הֵיכִי דְשָׁתְלֵי לִי אֲבָהָתַי, שָׁתְלִי נַמִי לִבְרַאי

### מִיר דַארְפְן טוּן דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר אוּנְז

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זְכוּת דוּ הָאסְט אַז דוּ הֶעלְפְסְט דִי מוֹסָד אַז אַלֶעס זָאל גֵיין אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; מִיר דַארְפְן טוּן דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג.) אַז חוֹנִי הַמְעַגֵּל הָאט גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער פְלַאנְצְט אֵיין אַ בָּאקֶסֶער בּוֹים, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וִוי לַאנְג נֶעמְט פוּן וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אַזַא בּוֹים בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס פֵּירוֹת דֶערְפוּן?״ הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זִיבֶּעצִיג יָאר״, פְרֶעגְט אִים חוֹנִי הַמְעַגֵּל: ״פְּשִׁיטָא לָךְ דְחָיֵית שִׁבְעִין שְׁנִין״ דוּ בִּיסְט אַזוֹי זִיכֶער אַז דוּ גֵייסְט לֶעבְן זִיבֶּעצִיג יָאר? עֶנְטְפֶערְט אִים יֶענֶער אִיד: ״כִּי הֵיכִי דְשָׁתְלֵי לִי אֲבָהָתַי, שָׁתְלִי נַמִי לִבְרַאי״, אַזוֹי וִוי מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְן אַיינְגֶעפְלַאנְצְט פַאר מִיר, פְלַאנְץ אִיךְ אַיין פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דִי גְמָרָא (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף צְדָקָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן הָאבְן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ מִיר וֶועלְן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

~~~

## אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא

### אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר וָואס אִיז אִים מְחַזֵק אוּן הֶעלְפְּט אִים

**אַ** מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבֵר וָואס אִיז אִים מְחַזֵק אוּן הֶעלְפְּט אִים, בְּמֶשֶׁךְ אַזוֹיפִיל יָארְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָה צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס וָואס חוֹנִי הַמְעַגֵל הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית כג.) וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נָאכְן שְׁלָאפְן זִיבֶּעצִיג יָאר, קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶר אִיז חוֹנִי הַמְעַגֵל אוּן מֶען הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל שְׁטַארְבְּן, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן; הָאט רָבָא גֶעזָאגְט, דָאס אִיז פְּשַט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אָדֶער הָאבּ אִיךְ אַ חַבֶר, אוּן אַז נִישְׁט ווִיל אִיךְ שְׁטַארְבְּן; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבֶר וָואס אִיז אִים מְחַזֵק אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

**פוּן** אֵיין זַייט בִּין אִיךְ דַיין רֶבִּי, וַוייל דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אַסַאךְ יָארְן אִין יְשִׁיבָה; אָבֶּער פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ דַיין חַבֶר וָואס מִיר בֵּיידֶע קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לֶערְנֶען, אוּן אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

**אַזוֹי** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צֶעטְל קָטָן, סִימָן יג): "לְסַפֵּר בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַמּוֹרֶה לוֹ דֶרֶךְ הַשֵּׁם, וַאֲפִילוּ לִפְנֵי חָבֵר נֶאֱמָן - כָּל הַמַחְשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד תּוֹרָתֵינוּ הַקְדוֹשָׁה, אֲשֶׁר הַיֵּצֶר הָרָע מַעֲלֶה אוֹתָן עַל מוֹחוֹ וְלִבּוֹ, הֵן בִּשְׁעַת תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הֵן בְּשָׁכְבוֹ עַל מִטָתוֹ, וְהֵן בְּאֶמְצַע הַיּוֹם. וְלֹא יַעֲלִים שׁוּם דָבָר מַחְמַת הַבּוּשָׁה, וְנִמְצָא עַל יְדֵי סִיפּוּר הַדְבָרִים שֶׁמוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל, מְשַׁבֵּר אֶת כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁלֹּא יוּכַל לְהִתְגַבֵּר עָלָיו כָּל כַּךְ בְּפַּעַם אַחֶרֶת, חוּץ עֵצָה הַטּוֹבָה אֲשֶׁר יוּכַל לְקַבֵּל מֵחֲבֵירוֹ שֶׁהוּא דֶרֶךְ הַשֵּׁם, וְהוּא סְגוּלָה נִפְלָאָה", מֶען זָאל פַארְצֵיילְן פַאר אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוֹיס ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער

אִיד, אָדער אֲפִילוּ פַּאר אַן עֶרְלִיכֶער חַבֵר - אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען זָאל גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן צוּלִיבּ בּוּשָׁה, נָאר מֶען זָאל פַארְצֵיילְן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מֶען טְרַאכְט, סַיי בִּשְׁעַת׳ן דַאוֶוענֶען, סַיי בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, אוּן סַיי דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס מֶען טְרַאכְט וֶוען מֶען לִיגְט אִין בֶּעט, אוּן דוּרְכ׳ן טָאג. אוּן עֶר זָאגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַז חוּץ וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ עֵצָה טוֹבָה פוּנֶעם רֶבִּי אָדער חַבֵר, דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת, צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען גֵייעֶן אַוֶועק.

~~~

## אַ חַבֵר אִיז אֵיינֶער וָואס וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ צָרָה אִיז עֶר מִיךְ מְחַזֵק

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ חַבֵר, ווייל אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כג.): "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אַ גוּטֶע חַבֵר אִיז מֶען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ; נָאךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת ב, ט): "אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם" וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן? "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶער חַבֵר, ווייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לד) דוּרְךְ אַ חַבֵר קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער חַזֶר׳ן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִיק, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַ חַבֵר מֶער וִויפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אַזוֹי ווִי רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי׳ס, אָבֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאךְ מֶער ווִי פוּן מַיינֶע רֶבִּי׳ס.

**אַ** חַבֵר אִיז נָאר דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ ווִי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִין תַּנַ"ךְ אַלֶע יוֹעֲצִים בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ אִין פַּאלַאץ, צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע טְרֶעפְט מֶען (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כז, לג): "וְחוּשַׁי הָאַרְכִּי, רֵעַ הַמֶּלֶךְ", חוּשַׁי הָאַרְכִּי דֶער חַבֵר פוּן דָוִד
~~~

הַמֶּלֶךְ, פַארְוָואס בַּאקוּמְט עֶר דֶעם טִיטְל "רֵעֶה הַמֶּלֶךְ"? זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם) וַוייל וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּת שֶׁבַע, הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעפְרֶעגְט חוּשַׁי הָאַרְכִּי אוֹיבּ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, צִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, הָאט אִים חוּשַׁי הָאַרְכִּי מְחַזֵּק גֶעוֶוען עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן "רֵעַ הַמֶּלֶךְ", דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס חָבֵר; וַוייל נָאר דָאס אִיז אַ חָבֵר, דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

**מוֹהַרָא"שׁ** פְלֶעגְט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם בְּזֶה הָעוֹלָם, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ אַלֵיינְס, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ צָרָה וֶועלְן זֵיי דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וַוייל דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן דִיר.

**מוֹהַרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט נָאר אֵיין חָבֵר - זַיין וַוייבּ"; סְתָּם פַארְבְּרֶענְגֶען נֶעכְט מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן - דָאס זֶענֶען נִישְׁט קֵיין חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין מ:): "כָּל שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מִקְרָא, מִשְׁנָה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב"; סְתָּם זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן קֵיין חִיזּוּק צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, אָדֶער מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער בְּעִנְיַן פַּרְנָסָה - עֶפֶּעס תַּכְלִית, אִיז דָאס אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב.

**אַ** חָבֵר אִיז אֵיינֶער וָואס וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ צָרָה, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת - שְׁטַארְקְט עֶר מִיר אוּן עֶר אִיז מִיר מְחַזֵּק; וֶוען קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען וָואס הֵייסְט אַ חָבֵר.

**אַז** מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, וֶועט עֶר זֶען, אַז יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט מֵיינְט עֶר אַז עֶר הָאט אַנְדֶערֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים אוּן פְּלוּצְלִינְג טוּישְׁט זִיךְ עֶס, אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען פְּלוּצְלִינְג פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן...

# הָאִשָּׁה מְצוּיָה בַּבַּיִת, וְנוֹתֶנֶת פַּת לְעָנִי וּקְרוֹבָה הֲנָאָתוֹ

## דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת אִין צְדָקָה

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג.) אַמָאל אִיז גֶעוֶועןאַ טְרוּקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, אִיז דֶער צַדִיק אַבָּא חִלְקִיָּה - אַן אֵיינִיקְל פוּן חוֹנִי הַמְעַגֵּל - אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוֹיפְ'ן דַאךְ פוּן זֵייעֶר הוֹיז, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּיי אֵיין זַייט פוּן דִי דַאךְ אוּן זִי בַּיי דִי צְוֵוייטֶע זַייט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל רֶעגְּעֶנֶען אוּן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי אַזוֹי עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס פוּן דִי זַייט וואוּ זַיין וַוייבּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הָאבְּן** דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט אַבָּא חִלְקִיָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען אִירֶע תְּפִילוֹת שְׁנֶעלֶער ווִי זַיינֶע תְּפִילוֹת? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִשּׁוּם שֶׁהָאִשָּׁה מְצוּיָה בַּבַּיִת, וְנוֹתֶנֶת פַּת לְעָנִי וּקְרוֹבָה הֲנָאָתוֹ; וַאֲנִי נוֹתֵן מָעוֹת לְעָנִי וְאֵין הֲנָאָתוֹ קְרוֹבָה", וֶוען אַן אָרֶעמַאן קְלַאפְּט אַריין אִין שְׁטוּבּ אוּן בֶּעט צְדָקָה, אוּן דִי פְרוֹי גֶעבְּט אִים עֶסְן, הָאט דֶער אָרֶעמַאן גְלַייךְ הֲנָאָה, אָבֶּער וֶוען דֶער אָרֶעמַאן גֵייט נָאךְ גֶעלְט אִין שׁוּל, אוּן דֶער מַאן גֶעבְּט אִים גֶעלְט, קֶען עֶר נָאךְ גָארְנִישְׁט טוּן מִיט דֶעם, וַוייל גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט עֶסְן, נָאר עֶר דַארְף נָאךְ גֵיין קוֹיפְן עֶסְן וְכוּ'. קוּמְט אוֹיס אַז ווִיבַּאלְד דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר אַ אִיד אִיז זִיךְ יֶענֶער מְחַיֶּ' גְלַייךְ, הָאט דִי פְרוֹי אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת, אוּן אִירֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן זֵייעֶר שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען.

~~~
~~~

# דף כד

## וּמְפַיְּיסִינַן לֵיהּ עַד דְּאָתֵי וְקָרֵי

**אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, הָאבְּן אַ כֹּחַ, מֶען נֶעמְט אָן זֵייעֶרע תְּפִילּוֹת**

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדַּקֵּי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער, הָאט מֶען אַ כֹּחַ, אוּן מֶען נֶעמְט אָן אַלֶע תְּפִילּוֹת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ד): "עִקַּר הָעֲבוֹדָה לְשַׁבֵּר הָאַכְזָרִיּוּת לְהָפְכוֹ לְרַחֲמָנוּת" אַ מֶענְטְשׁ זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן זַיין כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת, אֵייבִּיג פְּרָאבִּירְן צוּ טְרַאכְטְן מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ אוּן נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; אוֹיבּ מֶען זֶעט וִוי אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, זָאל מֶען אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַ רַחְמָנוּת גֶעפִיל אוֹיף יֶענֶעם, אוּן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת.

**בִּפְרַט** וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער טְרַאכְט שְׁלֶעכְט אוֹיפְ'ן קִינְד, זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט קֶענֶען וַואקְסְן. אָבֶער וֶוען אַ מְחַנֵּךְ

קוּקְט גוּט אוֹיפְ'ן קִינְד, דָאס הֶעלְפְט דֶעם קִינְד צוּ וֶועלְן זַיין בֶּעסֶער, אָבֶער וֶוען דֶער קִינְד שְׁפִּירְט אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן אִים; מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אִים אוּן מֶען גֶעבְּט אִים יֶעדֶע מִינוּט אַ צְוֵוייטֶע מוּסָר דְּרָשָׁה, וֶוערְט עֶר זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן אִינֶעוֵוייניג, אוּן עֶר פַארְלִירְט זַיין ווילְן צוּ זַיין גוּט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רָשָׁע רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ מֶען זוּכְט אִין אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, הֶעלְפְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע - עֶס אִיז דָא אִין אִים אַבִּיסְל גוּטְס, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ - נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אִים, זֶע אִיךְ אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק.

**רֶבִּי** נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן גֶע'חַזֶר'ט דִי תּוֹרָה פוּן אֲזַמְּרָה (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב) אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַזוֹי נָאכְגֶעבְּרוּמְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "נַחְמָן! לַאךְ נִישְׁט; גְלֵייבּ מִיר, וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין".

**אַ** טִיטְשֶׁער דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער; מֶען דַארְף אַלְץ פְּרוּבִּירְן אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי לִימוּדִים אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ דִי לִימוּדִים. אַזוֹי ווי וֶוען מֶען גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, גֶעוֶוענְלִיךְ ווילְן קִינְדֶער נִישְׁט עֶסְן קַיין גֶעזוּנְטֶע עֶסְן: בְּרוֹיט, מִילְךְ, פְלֵייש וְכוּ', אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווי אַזוֹי מֶען מַאכְט זֵיי עֶסְן, אָדֶער מִיט אַ גְרִינְגֶע וֶועג: מֶען שְׁלָאגְט, מֶען שְׁרֵייט, מֶען סְטְרַאשֶׁעט וְכוּ' - דֶעמָאלְט פָאלְגְן דִי קִינְדֶער, אָדֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶע וֶועג: מִיט גוּטְן, מִיט חָכְמָה, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה אוּן אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה נַארְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי דָאס עֶסְן וְכוּ'.

~~~

### טְרָאגְן קִינְדֶער זֶען בַּעֲלֵי חַיִּים

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ';
~~~

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'ער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדַּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישְׁלֶעךְ, בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

~~~

## אִיכְסִיף וַחֲלַשׁ דַעְתֵּיהּ וַאֲתָא מִיטְרָא

**וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, קֶען מֶען פוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן**

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, קֶען עֶר פוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן כה): "חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ שֶׁל הָאָדָם הוּא גְּדוֹלָה מִתַּעֲנִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אִיז דָאס גְרֶעסֶער וִוי אַ תַּעֲנִית. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד:) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע הוּנְגֶער אוּן רַב פָּפָּא הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן. אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְ'חַלָשְׁ'ט אוּן כְּדֵי זִיךְ צוּ דֶערְכַאפְּן דָאס הַארְץ הָאט עֶר גֶעגֶעסְן אַ קְלֵיין לֶעפְל גְרִיז, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל רֶעגְנֶענֶען אָבֶּער עֶס הָאט נָאכְאַלְץ
~~~

נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, הָאט זִיךְ רַב נַחְמָן אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "כַּר אוּשְׁפַּזְתִּי, אִיךְ מֵיין אַז אוֹיבּ דֶער הֶער וֶועט עֶסְן נָאךְ אַ לֶעפְל גְרִיז, וֶועט אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט קוּמֶען רֶעגְן", פַּארְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַז רַב פָּפָּא הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ רֶעגְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַמָאל קֶען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אוּן עֶס הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּמֶען, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ; מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען פּוֹעֶלְ'ט גְרוֹיסֶע זַאכְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וְוִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רֶבִּי אַ שְׁטִיק צוֹאָה. דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַּארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּ דֶעם מִתְנַגֵד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרַייעֶן: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ', אוּן דֶער מִתְנַגֵד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ'. הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

~~~
~~~

## דף כה

# בַּיִת זֶה שֶׁקִּירָה רַבִּי חֲנִינָה בֶּן דּוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ

### אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָּה

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.): פְּלֵימוֹ הָאט גֶעזָאגְט: "אֲנִי רָאִיתִי אוֹתוֹ הַבַּיִת וְהָיוּ קוֹרוֹתָיו יוֹצְאוֹת אַמָּה לְכַאן וְאַמָּה לְכַאן", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם הוֹיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָּה. אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים וֵויינֶען, זִי הָאט גֶעבּוֹיט אַ הוֹיז אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ וַוייל דִי הֶעלְצֶער זֶענֶען קוּרְץ גֶעשְׁנִיטְן, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אוֹיף דִי לֶענְג פוּנֶעם הוֹיז, הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, "וְאָמְרוּ לִי 'בַּיִת זֶה שֶׁקִּירָה רַבִּי חֲנִינָה בֶּן דּוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ'", דִי הֶעלְצֶער הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דֶעם שְׁטוּבּ הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָּה".

**גֶעווֹנוֹי** דָאס קֶען מֶען זָאגְן אוֹיפְ'ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן; וֶוער עֶס זֶעט דֶעם בִּנְיָן קֶען זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָּה"; עֶס לִיגְט שׁוֹין אִינֶעם בִּנְיָן סְחוֹרָה אִין וֶוערְד פוּן אַ מִילְיָאן אוּן אַ הַאלְבּ דָאלֶער, דָאס אִיז נָאר פוּן תְּפִלָּה.

~~~
~~~

# לֹא מִפְּנֵי שֶׁזֶּה גָּדוֹל מִזֶּה, אֶלָּא שֶׁזֶּה מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו וְזֶה אֵינוֹ מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו

## דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן נָאכְגֶעבְּן, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּב; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְוַתֵּר הָאט עֶר אַ כֹּחַ צוּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה:): "מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁיָּרַד לִפְנֵי הַתֵּבָה וְאָמַר כ"ד בְּרָכוֹת וְלֹא נַעֲנֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ טְרוּקֶענִישׁ, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ תַּעֲנִית אוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בְּרָכוֹת וָואס חֲזַ"ל הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ זָאגְן בַּיי אַ יוֹם תַּעֲנִית אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, "יָרַד רַבִּי עֲקִיבָא אַחֲרָיו וְאָמַר: 'אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אַתָּה, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ לְמַעַנְךָ רַחֵם עָלֵינוּ', וְיָרְדוּ גְּשָׁמִים", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אַתָּה, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ לְמַעַנְךָ רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען.

"הֲווּ מְרַנְנֵי רַבָּנָן, יָצְתָה בַּת קוֹל וְאָמְרָה: 'לֹא מִפְּנֵי שֶׁזֶּה גָּדוֹל מִזֶּה, אֶלָּא שֶׁזֶּה מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו וְזֶה אֵינוֹ מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו'". הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, ווַייל מֶען הָאט גֶעזֶען אַז וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען רֶעגְן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען רֶעגְן. אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: "נִישְׁט ווַייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת, נָאר ווַייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַ וַתְּרָן, עֶר אִיז מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו", אוּן וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ אוּן קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז גֶערֶעכְט, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ וָואס עֶר דַארְף.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ, בִּפְרַט אִין שְׁטוּב וָואס דָארְט דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן, בַּאקוּמֶען עֶר נָאכְדֶעם וָואס עֶר בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

~~~
~~~

## דף כט

## מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

### מֶען פַּארְמֶערְט דִי קְדוּשָׁה דוּרְךְ שִׂמְחָה

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כט.): "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים: 'מַרְבִּין' – מֶען פַּארְמֶערְט דִי קְדוּשָׁה, 'בְּשִׂמְחָה' – דוּרְךְ שִׂמְחָה; דֶערְפַּאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", פַּארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת – מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ; כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת, בִּבְחִינַת: 'כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ', שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה וֶוערְט עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אוּן וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶערְפַּאר** דַארְפְן מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף מִדַּת הַשִּׂמְחָה – אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל אוֹיפְ'ן קוֹל אִיז מֶען זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען בֵּייקוּמֶען אַלֶע פַּיינְט; יֶעדֶער הָאט פַּיינְט, בִּפְרַט דֶער גְרוֹיסֶער פַּיינְט דֶער יֵצֶר הָרָע, וָואס עֶר הָאט פַּיינְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר צוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶךְ מֶם הָאט אַזוֹי פַּיינְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר ווִיל אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרַייסְן; נִישְׁט נָאר צוּנֶעמֶען זַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר ווִיל אִים צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיּוּת אוֹיךְ". אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, אַז דִי אַלֶע וָואס פַּאלְן אַרַיין אִין זַיין נֶעץ, קוֹדֶם נֶעמְט עֶר צוּ דִי אוֹיגְן - עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, נָאכְדֶעם פַּאלְט דֶער מֶענְטְשׁ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן נָאכְדֶעם אַנְטְלוֹיפְט עֶר פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אָדֶער דִי מִשְׁפָּחָה לוֹיפְט פוּן אִים אַוֶועק, אוּן עֶר בְּלַייבְּט אֵיינֶער אַלֵיין אָפְּגֶערִיסְן, אָפְּגֶעשְׁלִיסְן אוּן אַייגְגֶעטוּנְקֶען רֹאשׁוֹ וְרוּבּוֹ אִין עֶקֶעלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת.

**נָאךְ** זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׂרִים, סִימָן ג): "אֲמִירַת הַלֵּל וּצְדָקָה, מְסֻגָּלִין לְחֵן בְּעֵינֵי הַשָּׂר", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל בַּאקוּמְט מֶען חֵן; ווַייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן יֶעדֶער הָאט לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

~~~

### ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

**מֶען** דַארְף טְרֶעפְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ; יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ג): "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבְּךָ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען לֵיידִיג זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת אַזוֹי ווִי אַ מִילְגְרוֹים; אַז דוּ וֶועסְט גוּט קוּקְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אִין דִיר זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס.
~~~

# דף ל

## לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים

### אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי שְׁבָטִים

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ל:): "אָמַר רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים" פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: מֵילָא יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער יוֹם טוֹב, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיךְ הָאט מֶען אִין דֶעם טָאג גֶעגֶעבְּן דִי לוּחוֹת, אָבֶּער וָואס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב? זָאגְט דִי גְמָרָא: "אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר שְׁמוּאֵל יוֹם שֶׁהוּתְּרוּ שְׁבָטִים לָבוֹא זֶה בָּזֶה" אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי שְׁבָטִים, דֶערְפַאר זֶענֶען דִי צְוֵויי טֶעג זֵייעֶר גְרוֹיס, יוֹם כִּיפּוּר בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, דֶערְפַאר אִיז עֶס אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג וִוי יוֹם כִּיפּוּר.

**אוֹיךְ** הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט אָן דִי הֲכָנָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אִיז דָא פֶערְצִיג טֶעג בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה; צַדִּיקִים פְּלֶעגְן שׁוֹין וואוּנְטְשְׁן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב. דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן פַאר דֶעם גְרוֹיסְן טָאג - דֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

**דִי** בֶּעסְטֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַארְ'ן יוֹם הַדִּין אִיז מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב תשע"א אוּן צוּגֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן בָּחוּר וָואס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אִין** אוּמַאן הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "זֶע צוּ קוּמֶען מִיט אַלֶע

בָּחוּרִים עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וַוייל אִיךְ וִויל קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיט אַלֶע הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער גְּמָרָא וָואס דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אִיךְ וִויל וַוייזְן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן וִוי אַזוֹי דִי בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט צוּם יוֹם הַדִּין״.

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרַ״שׁ - וִוי מֶער אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין בָּחוּרִים אוּן אִין אִינְגֶעלַייט לִימּוּד הַתּוֹרָה, צוּ וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען לֶערְנֶען, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הָאט אַ גוּטְן קָאפּ צִי אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, דֶער עִיקָר זָאל מֶען עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְרוֹיס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

**בָּרוּךְ** הַשֵּׁם דִי יָאר הָאבְּן אַלֶע בָּחוּרִים אָנְגֶענוּמֶען דִי הַבְטָחָה פוּן מוֹהֲרַ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית; הַיינְט צוּפְרִי קוּם אִיךְ אַרַיין אִין שׁוּל, זֶע אִיךְ וִוי בָּחוּרִים זִיצְן אוּן זָאגְן מִיט אַזַא חַיוּת מִיט אַ בְּרֶען, וַוייל אִיךְ דִיר אוֹיךְ בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מֶער פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ל:): ״מִכָּאן וְאֵילָךְ דְּמוֹסִיף יוֹסִיף וּדְלָא מוֹסִיף יֶאֱסֵף״, זָאגְט רַשִׁ״י: ״מִכָּאן וְאֵילָךְ: מֵחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וְאֵילָךְ, דְּמוֹסִיף לֵילוֹת עַל הַיָּמִים לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה יוֹסִיף חַיִּים עַל חַיָּיו: דְּלָא יוֹסִיף: לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בַּלֵּילוֹת, תִּקְבְּרֵיהּ אִימֵּיהּ: כְּלוֹמַר יָמוּת בְּלֹא עִתּוֹ״; פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶוער עֶס אִיז מוֹסִיף בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה וֶועט מֶען אִים מוֹסִיף זַיין טֶעג צוּ לֶעבְּן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ דִיר אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה, קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן טְרַאכְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן, נָאר לֶעבּ מִיטְ׳ן הַיינְטִיגְן טָאג; כַאפּ אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט זַיין פַאר דִיר דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַאר׳ן גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין.

## ירושלמי דף ה

## פֶּנְטְקָקָה יַצְלִי וְאָתֵי מִיטְרָא

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְּלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַז אַ אִיד קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריִקייטְן אַבִּי עֶר זָאל אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטֶער אִיד; אוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה אִיז אַז מֶען קֶען יֶענֶעם אוֹיסְלֶערְנֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן, מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן "הַפָּצָה".

**דִי** גְמָרָא דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ טְרוּקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ יוֹם תְּפִלָּה, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אֵיינֶער וָואס זַיין תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען אֲפִילוּ בִּשְׁעַת הַגְּזֵרָה, "אִיתְחָמֵי לְרַבִּי אַבָּהוּ, פֶּנְטְקָקָה יַצְלִי וְאָתֵי מִיטְרָא", הָאט מֶען גֶעוִויזְן פוּן הִימְל פַאר רֶבִּי אַבָּהוּ אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער מֶענְטְשׁ, אַז אוֹיב עֶר וֶועט בֶּעטְן פַאר רֶעגְן וֶועט קוּמֶען רֶעגְן, "נָחִית מִיטְרָא", וְכַךְ הֲוָה עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֶעגְן. הָאט רֶבִּי אַבָּהוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט וִויסְן פַארְוָואס דִי תְּפִילוֹת פוּן דֶעם אִיד הָאבְּן אַזַא כֹּחַ, "שָׁלַח רֶבִּי אַבָּהוּ וְאַיְיתְיֵיהּ", הָאט רֶבִּי אַבָּהוּ גֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים צוּ דֶעם אִיד אִים רוּפְן אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, "אָמַר לֵיהּ מַה אוּמָנָךְ", וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ? וָואס טוּסְטוּ? "אָמַר לֵיהּ, חָמֵשׁ עֲבֵירָן הַהוּא גּוּבְרָא עֲבִיד בְּכָל יוֹם: מוֹגַר זַנְיָיתָה, מְשַׁפֵּר תֵּיָיטְרוֹן, מְעַיֵּל מָנֵיהוֹן לִבְנֵי, מְטַפֵּחַ וּמְרַקֵּד קֳדָמֵיהוֹן וּמַקִּישׁ בְּבַבּוּיָא קֳדָמֵיהוֹן", עֶנְטְפֶערְט עֶר: "אִיךְ בִּין אַ בַּעַל עֲבֵירָה" אוּן דֶער אִיד רֶעכְנְט אוֹיס פַאר רֶבִּי אַבָּהוּ פִינְף עֲבֵירוֹת וָואס עֶר טוּט יֶעדְן טָאג רַחְמָנָא לִצְלָן. הָאט זִיךְ רֶבִּי אַבָּהוּ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, פַארְוָואס הָאט דֶער אִיד אַ כֹּחַ אַז זַיינֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען... פְרֶעגְט עֶר אִים: "וּמַה טִיבוֹ עֲבַדְתְּ", אוּן וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאכְן טוּסְטוּ? אָמַר לֵיהּ: "חַד זְמַן הֲוָה הַהוּא גַּבְרָא מְשַׁפֵּר תֵּיָיטְרוֹן, אָתָא חֲדָא אִיתָא וְקַמְתָּ לָהּ חוֹרֵי עֲמוּדָא בְּכִיי" וְאָמְרִית לָהּ: מַה לִיךְ? וְאָמְרָה לִי

בַּעְלָהּ דְּהַהִיא אִיתְּתָא חֲבִישׁ, וְאָנָא בַּעְיָא מֵיחַמִי מַה מַּעֲבִיד וּמַפְּנִינָה״, עֶנְטְפֶערְט עֶר: ״אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי אַ פְרוֹי וֵויינְט ווייל אִיר מַאן זִיצְט אִין תְּפִיסָה און זִי דַארְף שַׁאפְן גֶעלְט אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן תְּפִיסָה, פַארְדִינְגְט זִי זִיךְ פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אִיר רַחְמָנָא לִצְלָן און אַזוֹי זַאמְלְט זִי דָאס גֶעלְט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אִיר מַאן פוּן תְּפִיסָה. ״וְזַבְּנִיהּ עָרְסִי, וּפְרוּס עָרְסִי, וִיהָבִית לָהּ טִימִיתֵיהּ. וְאָמְרִית לָהּ: הֵא לִיךְ פְּנֵיי בָּעֲלִיךְ וְלָא תִיחְטָיי״. הָאבּ אִיךְ פַארְקוֹיפְט מַיין בֶּעט מִיט מַיין דֶעק (דָאכֶענֶע) אִין אִיר גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט אַז זִי זָאל קֶענֶען אוֹיסְלֵייזְן אִיר מַאן פוּן תְּפִיסָה און זִי זָאל נִישְׁט מֶער זִיךְ פַארְקוֹיפְן פַאר עֲבֵירוֹת וְכוּ׳ רַחְמָנָא לִצְלָן. ״אָמַר לֵיהּ, כְּדַיי אַתְּ מְצַלְּיָיא וּמִתְעַנְיָא״, הָאט רֶבִּי אַבָּהוּ אִים גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען.

**אַלֶע** מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן שׁוֹין, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ אִיז עֶר אֵיינֶער וָואס זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס אִיז דִי פְּשַׁט אַז עֶס זָאל אִים אָנְגֵיין אַז אַ פְרוֹי טוּט עֲבֵירוֹת? הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ מֵפִיץ, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין אִין דִי פְלֶעצֶער צוּ רַאטֶעוֶועט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט׳עֶ אִיד, אָבֶער עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיד זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קיט) עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אַז אַ אִיד זָאל טְרַאכְטְן ׳אוֹיבּ אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל כָאטְשׁ אַ צְוֵוייטֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳, און דָאס אִיז הֲפָצָה; אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, און אִיךְ בִּין אַ גְרָאבֶּער יוּנְג וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, - דָאךְ וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן מַיין בֶּעט פַאר אַ צְוֵוייטֶע אִיד, און אִיךְ וֶועל גֵיין הֲפָצָה - אַרוֹיסְנֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נָאכְדֶעם אָנְנֶעמֶען מַיינֶע תְּפִלּוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): ״תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה,״ אַז אֵיינֶער ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עֶר צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה.